מיט א בליק אויף צוריק

# די פארלאפענע יאר

## בקרב קהלתינו הקדושה ברחבי תבל

### שנת תשפ"ה העעל"ט

א קורצע איבערבליק וויאזוי עס איז פאראיבער די יאר אינערהאלב קהלתינו הק' איבער די גארער וועלט

קהל אור החיים ד'טאהש – מוסדותינו הק' בקרית טאהש – קהילותינו ומוסדותינו הק' ברחבי תבל – מפעל איחוד תלמידי וחסידי טאהש

פראיעקט דורך:

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

## אריינפיר

שטייענדיג אינעם זמן שמחתינו, ווען מען טוט לויבן און דאנקן דעם רבוש"ע אז ער האט אונז מוחל געווען די עבירות, און אחינו בני ישראל טרעטן אריין אין די הייליגע סוכה מקיים צו זיין די מצות החג בשלימוצ, איז די ריכטיגע צייט פארצושטעלן פאר אנשי שלומינו אין די קומענדיגע בלעטער, וויאזוי עס איז פאריבער די פארלאפענע יאר בקרב קהלתינו הק' ברחבי תבל.

עס איז בכלל נישט קיין סוד פאר קיינעם, אז אין די לעצטערע יארן איז געטון געווארן גרויסע פארשריטן אינערהאלב די הרחבת גבולי הקדושה בקרב קהלתינו הק' אין יעדע הינזיכט, ווי די געטרייע הנהלת הקהלה אינאיינעם מיט די עסקנים טוען אויף געוואלדיגע פעולות לטובה ולהנאת אנשי לשומינו פון איבער די גארער וועלט.

במשך די פארלאפענע יאר תשפ"ה אליינס, איז געטון געווארן א געוואלד, סיי אין די רוחניות'דיגע חלקים פון די בליה און וואוקס פון אונזערע מוסדות און די קהלה, און סיי אין די גשמיות'דיגע חלקים ווי מ'האט פארקטיש געטון וויכטיגע הצטרכות'ן וואס פעלט זיך אויס למשך הזמן.

אין די קומענדיגע בלעטער וועט בעז"ה געשילדערט ווערן אין גאר קורצע שטריכן, די פולע לייסטונגען און פעולות וואס איז געטוהן געווארן במשך די יאר בקרב קהלתינו הק', און דאס וועט ווי פארשטענדליך עפענען די אויגן צו זעהן ווי ווייט מ'האט דערגרייכט דורכאויס די יאר וואס איז פאריבער, און בעז"ה עוד ידיהם נטויה להלאה, אויפצוטוהן גדולות ונצורות לטובת אנ"ש ברחבי תבל.

מיר וועלן אויספירן מיט א געבעט צום רבוש"ע, אז נאך לאנגע געזונטע יארן זאלן מיר זוכה זיין זיך צו פירן אויף די אויסגעטראטענע הייליגע וועגן פון אונזערע הייליגע רבי'ס, און מיר זאלן טוהן דאס ריכטיגע וואס עס דארף געטוהן ווערן לטובת ולהנאת אנ"ש, כדי להנחיל ירושת צדיק, ביז מיר וועלן זוכה זיין אז מיר וועלן זיך טרעפן אינאיינעם מיט אונזערע הייליגע רבי'ס בסוכות עור של לויתן בביאת משיח צדקינו, מיט'ן רבי'ן שליט"א זאל זיין געזונט בראשינו בב"א.

ליינט און האט הנאה.

# קהל אור החיים ר'טאהש:

## היסטארישע מסע הקודש קיין טאהש אונגארן - ליזענסק פולין - כ"ח סיון העעל"ט

פיל מיט רייע געהויבענע מעמדים: הכנסת ספר תורה - התחדשות הגערטל - סעודת הילולא קדישא - תהלים כחצות הלילה - דערהויבענע תפילת שחרית - כל ספר תהלים בליזענסק.

אלץ גרעסטע געשעעניש פונעם יאר ווערט זיכער באצייכענט די דערהויבענע מסע הקודש קיין עיר האבות טאהש אונגארן - וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א האט אונטערגענומען אין באגלייטונג פון אריבער טויזענט אנשי שלומינו מרחבי תבל - וועלכע זענען אהיימגעקומען אנגעפילט מיט סיפוק ותוכן פון די געהויבענע איבערלעבענישן.

אנגעהויבן מיט די מעמדי הכנה אין קריתינו הק' - ווארימע דרשת הכנה פון הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א - סדר הנסיעה געהערט פון מוה"ר זיידא מאירוביץ הי"ו - פראקטישע אנווייזונגען דורך מוה"ר משה פעקעטע הי"ו - נאכפאלגענדיגע מעמד הכנה בבית מדרשינו אין קרית יואל - הרה"ג הדומ"ץ שליט"א טרעט אויף - פאלאקאטן פילן אן די ווענט - ספעציעלע גרעסטע טשארטער ארויסגעדינגן - רעגיסטראציע אין פילן שוואנג - איבערפלוס פון אריינרופער'ס ברענגט צו מאכן א דעדליין.

טיקעט'ס ווערן ארויסגעשיקט - באסעס פארן ארויס פון אלע שטעט צום ספעציעל באשיידענעם עירפארט אין אלבאני - הערליכע זאל אפגעדינגן פאר ארוחת ערב ותפילת מנחה - מחזה הוד תלמידי ישיבתינו הק' נוצן אויס די צייט בלימוד התורה בהתמדה - מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו טרעט אויף פון צייט צו צייט - צוויי באסעס אויף א מאל פארן ארויס צום פליגער - בקשת מרן רבינו שליט"א ברעכט היסטאריע: מען פארט צו גלייך ביזן פליגער צו פארמיידן ראיות אסורות - די שטן פארלייגט זיך צו צושטערן די נסיעה דורכ'ן פארמאכן די עירפארט אין בודאפעסט צוליב די מלחמה אין ארץ ישראל – כסדר'דיגע באריכטן און אפדעיט'ס פון די גאנצע נסיעה אויף קול איחוד טאהש - ענדליך מסודר ארויף אויפן פליגער ב"ה – הערליכע פעקל אנגעגרייט אויף אלע פלעצער - מניני מעריב שטעלן זיך אויפן פליגער - כ"ק מרן רבינו שליט"א משמיע דברות קודש אויפן מייק - רבינו שליט"א גייט ארום געבן שלום בענוות קדשו פאר אלע באטייליגטע - געלאנדעט אין בודאפעסט אונגארן - פלאטע פון באסעס ווארט אפ די ציבור - והיו לשני מחנות: אפאר באסעס פארן גלייך קיין טאהש זיך אויסצורוען ביז די מעמדים - אנדערע פארן ארום קיין ראצפערט און קאלוב.

רייע מעמדים הייבט זיך אן מיט הכנסת ספר תורה והתחדשות הגערטל - נדבת הרבני הנגיד ר' בנימין פיליפסון הי"ו מעמודי התווך דמוסדותינו הק' - ריזן טענט אויפגעשטעלט אויפן מקום אדמת קודש היא - רבינו שליט"א משמיע דב"ק - אויף די פלאץ ווי די הייליגע אבות - האבן געראכטן עבודות נשגבות - ווערט נתמלא יעדן'ס בקשות - אויך הישועות הקשות - התעוררות'דיגע חרוזים פון בדחנא דמלכא הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א נעמט איבער יעדן'ס הארץ - בקשות וגעגועים ביי די ספעציעלע פיוטים - רבינו שליט"א ברענגט אריין די ספר תורה - און איז מכבד זקני ונכבדי העדה צו שרייבן א אות - מען לאזט זיך ארויס אין געהויבענע ריקודין נשגבין ועילאין - וינועו אמות הסיפים ווען רבינו שליט"א טאנצט מיטן ספר תורה מיט גרויס שמחה וחדוה עילאה - דערנאך מכבד נכבדי העם צו טאנצן מיטן ספר.

תפילת מנחה הארט פארן זמן צאה"כ - רבינו שליט"א מתפלל מעריב פארן עמוד ליל הילולא קדישא - דערנאך רייכע מלכות'דיגע סעודה הילולא קדישא וסעודת של הכנסת ספר תורה - אינעם ריזן באצירטן הערליכן שאטער הארט נעבן בנין חצר הקודש - כלי זמר זענען מהנה בשירה ובזמרה לרגל סעודת הכנס"ת - רבינו שליט"א משמיע דברות קודש - כחצות הלילה אמירת כל ספר תהלים ביים ציון הק' פונעם בעל ההילולא רבינו השרף זי"ע - גרויסע שאטער צוגעטשעפעט צום אוהל הקדוש צו קענען אקאמאדירן אלע משתתפים - באקוועמע לאקאל פאר די כהנים אויפגעבויט נעבן בית החיים - י"ג מדות של רחמים שפאלט הימלען און ברענגט אראפ אלע השפעות טובות - אמירת פרקי תהלים ביים ציון הקדש פונעם סבא קדדישא זי"ע.

תיכף נאכן תהלים געשמאקע מקוה צוגעשטעלט בבנין חצר הקודש - מען שטעלט זיך דאווענען שחרית 3:40 הנחת טלית ותפלין - אינעם זעלבן שאטער פון די סעודת הילולא קדישא - הערליך צוגעגרייט צו שחרית - זקנים עם נערים אברכים ובעלי בתים ובחורי חמד מיט א קול אדיר וחזק א פלאמעדיגע שחרית - רבינו שליט"א מתפלל פארן עמוד לרגל ההילולא קדישא.

באשיידענע מסיבת לחיים תיכף נאך שחרית - רבינו שליט"א מכבד די גאסט אב"ד יאמפאלא שליט"א - רבינו שליט"א משמיע דברות קודש בגודל סגולת הזמן והתרגשות פונעם דערהויבענעם שחרית - ברכת הקודש ווייטער צו פועל'ן אלעס גוטס - מען לאזט זיך ארויס אין די וועגן ווייטער

- איין באס גלייך קיין ליזענסק - אנדערע באס פארט אויך צו: קערעסטיר דינוב ליסקא אוהעל רימנוב לאנצוט - 6:30 פארנאכטס איז שוין די גאנצע ציבור ביים ציון הקודש אין ליזענסק - מרן רבינו שליט"א געצינדן די ליכט - אמירת כל ספר תהלים מיטן גאנצן ציבור - והתעוררות עד לב השמים - דערנאך אמירת תפילה קודם התפלה - שטעלן זיך מניני מנחה - ברייטע נאכטמאל צוגעשטעלט פאר כל הקהל הקודש.

מען לאזט זיך ארויס מיט באסעס קיין קאטאוויץ לופטפעלד - רבינו שליט"א בעט אויסצורופן אויף די באסעס מען זאל אויסווארטן אויפן באס ביז די צייט וואס די געיט וועלן זיך עפענען אריינצוטשעקן - צוליב שמירת עינים - מערערע מניני מעריב שטעלן זיך אין עירפארט ביי די געיט - בשעה טובה 4:45 הייבט זיך די טשארטער פליגער אויפן וועג אהיים - געשמאקע מניני שחרית שטעלן זיך תיכף ביים זיך הייבן - רבינו שליט"א משמיע ברכת הקודש אויפן מייק - יעדער זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס און מיטנעמען די קבלות טובות פארן גאנצן לעבן - אין אלבאני לופטפעלד די באסעס ווארטן אפ דעם ציבור - נאראהאפטיגע פרישטאג אנגעגרייט אויף די פלעצער - מיט פילע באגאזשן ישועות ורפואות איז יעדער אנגעקומען אהיים איש על מחנהו ואיש על דגלו אמן.

## מולטי מיליאן דאלער'דיגע פראיעקט איבערצומאכן די גאסן אין קריתינו הק'

תשפ"ה איז די יאר וואס די גאסן אין קרית טאהש זענען געענצליך איבער געמאכט געווארן - פראיעקט וואס ציעט זיך שוין אנדערהאלבן יאר - אפגעקאסט שווערע געלטער פאר הנהלת הקרי' - תושבי קריתינו זענען איבערגעפילט מיט פרייד אז מען האט עס ב"ה דערלעבט - פארגרינגערט פאר אלע איינוואוינער'ס צוגלייך - נייע וואסער סיסטעם אונטער די ערד - נייע לעקטער'ס באשיינען די גאסן - נייע ברייטע סיידוואלק'ס פאר פיס גייער - גרעסערע ראוד'ס און מערערע פארקינג ערטער פאר די מאטאריסטן - באצירט קריתינו הק' מיט א נייע צורה.

## איבערפרישונג אינעם גאנצן בוטשער

במשך די יאר איז איבערגעפרישט געווארן די בוטשער אין קריתינו הק' דורך הנהלת הקהלה והמוסדות - הערליך איבערגעמאכט די גאנצע לאקאל ווי מען קומט איינקויפן מיט הרחבת הדעת - כסדר צוגעשטעלט מכל טוב וטוב אויפן שענסטן און בעסטן פארנעם בתכלית הכשרות וההידור - ספעציעל פארבעסערטע סיסטעם פאר כפרות שלאגן פאר נשים פארנט פון בית צירל זאל - און עקסטערע געשמאקע נייע סיסטעם ערב יום הקודש - להנאת תושבי קריתינו הק' וכלל אנ"ש.

## נייע אויסשטעל צום הקפות שמחת תורה תשפ"ה

נייע מאיעסטעטישע אויסשטעל צום סדר הקפות - ברענגט אריין א העכערקייט און א לעבעדיגקייט במשך די גאנצע הקפות - ווען יעדער איינער ממש קען מיטהאלטן די עבודת הקודש - ובפרט די סדר הניגונים - באקרוינט די היי יעריגע הקפות אלץ "אויסטערליש דערהויבן און אומבאשרייבליך".

## הערליכע מעמדי הדלקת נרות חנוכה

גאר שיינע מעמדי הדלקת נרות חנוכה – הערליכע חנוכה כאאר יעדע נאכט חנוכה – ספעציעלע מסיבת זאת חנוכה ווי תלמידי ישיבתינו הק' ניו יארק נעמען אנטייל.

## גבאי מורא מקדש

רבינו שליט"א לאזט אויפנעמען נייע ועד גבאי מורא מקדש – אסיפות חיזוק בבית רבינו שליט"א בלאזט אריין חיזוק אין די געטרייע גבאים – ספעציעלע סיסטעם וועט איינגעשטעלט וויאזוי ארומצוגיין מחזק זיין במשך די תפילות שב"ק ויו"ט – ואין מזרזין אלא למזורזין – רבינו שליט"א פארטיילט לעדערנע תהלים עבודת משולם פייש כאות הכרת הטוב וחיזוק.

## ימי פורים המשולש בצל הקודש

הערליכע קייט פון דערהויבענע דורכגעווייקטע טישן פארגעקומען היי יאר במשכ'ן פורים המשולש בצל הקודש – ספעציעל איז פארגעקומען א הערליכע שפיל אויפן שלחן הטהור ביים שושן פורים טיש – מיט א מעשה וויאזוי רבינו הסב"ק זי"ע האט געהאט צו טון מיט שר פון נירעדהאזע דער צורר היהודים –און באפרייט געווארן פון תפיסה און גע'פועל'ט א מיתה משונה פארן שר.

## ל"ג בעומר תשפ"ה בצל הקודש - בשילוב סיום בחבורת מזון הנפש

הערליכע מעמד ההדלקה פארגעקומען ליל ל"ג בעומר - נאכפאלגענדיג מיטן רייכע סעודה לכבוד היום בהיכל ביהמ"ד הגדול - בשילוב מיט'ן סיום מס' שבועות הנלמד בחבורת מזון הנפש - בעת די גאנצע מעמד הדלקה איז געווען צוגעשטעלט ח"י רוטל משקה אויף א ברייטע און נאראהאפטיגע פארנעם דורך קרן חתנים שע"י ישיבתינו הק' - באזונדער צוגעשטעלט געווארן אויף א ברייטע פארנעם אכילה ושתי' קלה פאר די פולע געסט וועלכע וועלן קומען צו פארן פון נאנט און ווייט - ציון המציונת פון רביה"ק זי"ע געווען צוגערישט מיט אלע באדערפענישן לאמירת ספר תהלים פאר מענער און פאר פרויען מיט הרחבת הדעת – א גרעסערע פלאטע פון באסעס ארויסגעפארן פון בית מדרשינו מאנטריאל צום דערהויבענע

מעמד הדלקה און צום שלחן הטהור – ביים שלחן הטהור ספעציעלע געהויבענע ריקודין לכבוד די סיום המסכתא – א ספעציעלע ריקוד מיט אב"ד קלוזש שליט"א פטרון החבורה.

## הכנסת ספר תורה אסרו חג שבועות

הערליכע הכנסת ספר תורה געפראוועט געווארן בצל הקודש - אסרו חג שבועות - אריינגעגעבן דורך הרבני החסיד ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א מראשי קהלתינו הק' - בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א - לעבעדיגע ריקודין פארגעקומען אין ביהמ"ד הגדול - נאכפאלגענדיג מיטן רייכע סעודה לכבודה של תורה.

## 10'טע יומא דהילולא קדישא פון רביה"ק זי"ע

צענטער יארצייט אפגעצייכנט געווארן די יאר ז"ך אב תשפ"ה - דורכבורך מיטן צושטעלן נאך צענדליגע פארקינג ערטער אויפן גאנצן וועג ארויף צום בית החיים - צווייטע מאל געענדיגט געווארן גאנץ ש"ס דורכ'ן פראקטישן סיסטעם דורך חברה ש"ס שע"י האיחוד - הערליכע סעודת הילולא קדישא בהשתתפות הונדערטער אנ"ש פון איבער די וועלט - בעסערע אויסשטעל אריינצונעמען מערערע ערטער.

## ביהמ"ד הגדול אויסגערישט מיט נייע טישן און בענק

נייע שטארקע טישן און בענק זענען אריינגעפירט געווארן מיט פראכט אין היכל ביהמ"ד הגדול והמפואר - גרייט צו באדינען די ציבור האלפים הזוכים להסתופף בצילא דמהימנותא קדישא - לקראת חג התשרי הבעל"ט - לשמחת לב כלל אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר - נאכן סוקסעספולן 'שלחניך' קאמפיין - וועלכע האט געגעבן די געלעגנהייט פאר כלל אנשי שלומינו צו נעמען א חלק – אזוי אויך האט מען פריש איבערגעפעינט די גאנצע אונטערשטע שטאק פונעם בנין הביהמ"ד.

## פלאטע פון מאובעל'ס פאר שמחת תורה תשפ"ו בצל הקודש

פרישע חידוש פאר "שמחת תורה אין טאהש" תשפ"ו - צענדליגער באקוועמע מאוביל'ס צוגעשטעלט פאר אורחים החשובים - צו טעוואס לינדערן די שווערע דירות-פארדינגען-קריזיס וועלכע הערשט אין די דערהויבענע טעג מיט א פלייץ פון הונדערטער געסט בליעה"ר - קומט נאך עטליכע חדשים איבערמידליכע כוחות אויפצוקומען מיט די בעסטע אפציעס און צוגענגליכענסטע מאוביל'ס פאר יו"ט - צו די צופרידענהייט פון אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר.

אין די זעלבע צייט עפענען צענדליגע משפחות תושבי קריתינו הק' פתח ביתם ברוחה אריינצונעמען געסט - עס ווערט פראקלאמירט א ספעציעלע גורל פאר אלע תושבי הקרי' וועלכע פארדינגען ארויס זייער דירה פאר די חשוב'ע געסט פאר א צוגענגליכיגע פרייז - געווינער ווערט באקומען $500 ביי סיי וועלכע געשעפט אין קריתינו הק' - די גורל ווערט בעז"ה ארויסגעצויגן ווערן ר"ח חשון הבעל"ט - ברענגט אריין א חשק ביי מערערע משפחות צו פארדינגן זייער דירה להנאת אנ"ש.

# מוסדותינו הק' בקרית טאהש:

## הנהלת המוסדות:

## מעמד ובחרת בחיים לאזט איבער שטארקע רושם אויף אלע הורי מוסדותינו הק'

אסיפת הורים "ובחרת בחיים" ברענגט א שטארקע דורכברוך - אינעם חלק פונעם צוזאמענארבעט פון די מוסדות מיט די עלטערן - פאר די הצלחה פון חינוך הבנים והבנות צום קומענדיגע יאר בסייעתא דשמיא – צושטאנד געקומען נאך אסיפה פון אלע מנהלים – וואס צו טון בעסער צו מאכן פאר אונזערע קינדער – לאור זאת איז פארגעקומען די גרויסארטיגע אסיפה "ובחרת בחיים" זונטאג כי תבוא באולם בית צירל.

יושב ראש הר"ר יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א מנהל בית צירל - הרה"ג ר' יוסף ישכר בער סג"ל טירנויער שליט"א מנהל ישי"'ק געבט איבער די דבר המוסדות פאר די

חשובע עלטערן.

לאנגיעריגער מחנך נפלא הרה"ג ר' אלעזר יונה זילבערמאן שליט"א געהאלטן געשפאנט דעם ציבור קרוב צו איינס און א האלב שעה - ארויסגעברענגט גאר שטארקע יסודות פאר א אידישע שטוב – בעניני חינוך און אידישקייט - וויאזוי זיך אומצוגיין מיט קינדער מיט ספעציעלע נאטורן – מחשיב זיין אונזערע קינדער – פירן א פרייליכע רואיגע שטוב – אריינברענגען א געשמאק אין אידישקייט - מחשיב זיין יעדער פרומע ערליכע זאך – מזלזל זיין אין יעדע זאך וואס קומט פון גוי'שקייט – מחנך זיין אונזערע קינדער מיט דרך ארץ צו עלטערע.

די מוסדות זענען דא אונז צו העלפן – רעדן צו מלמדים און מלמדות מיט ריספעקט – אין יעדע באשלוס גייט אריין אומגעהויערע צייט קאפ און מח – נאכקומען די תקנות מיט פרייליכקייט און שטאלץ – מיר קענען נישט אריינרעדן אין די תקנות ווי לאנג מיר זענען נישט אויפן פלאץ פון אונזערע דיינים און מנהיגים – נאר די וואס פאלגן האבן מצליח געווען און זוכה געווען צו ערליכע דורות.

רבינו שליט"א מחזק און ברענגט ארויס פאר די מנהלים גרויס צופרידנהייט – געבט איבער רצון קדשו מען זאל אויספירן אלעס וואס מען האט גערעדט ביים דרשה – פאלאקטאן פאלגן נאך די קומענדיגע וואכן מיט שטארקע אויסצוגן פון די דרשה – זיך מחזק צו זיין און ווייטער אנהאלטן מיט די גוטע קבלות טובות.

## הערליכע שבע ברכות צוגעשטעלט פארן

## געטרייע מנהל גשמי המוסדות הרב משה יצחק הערשקאוויטש שליט"א

ספעציעלע שבע ברכות פאר'ן מנכ"ל המוסדות לרגל די שמחת החתונה פון בנו – פארגעקומען באולם בית צירל – כאות הוקרה פאר זיין געטרייע ארבעט במשך די יאר בלב ובנפש - בהשתתפות מנהלים גשמיים ורוחניים והנהלות המוסדות – רבינו שליט"א איז מפאר בראש השמחה וואנטשט לחיים און א ריקוד מיט די מחותנים און זיידעס – שענקט פאר ר' משה יצחק א זילבערנע וויין פלאש – אויפגעטרעטן מוה"ר משה יואל שפירא הי"ו און מוה"ר יוסף גאנצפריעד הי"ו.

## סוקסעספולע "עשירי קודש" קאמפיין

יערליכע להתקשר קאמפיין אין א גרעסערע אקציע – שטייענדיג ביים צענטן יומדהל"ק – "עשירי קודש" פעקל קומט אן צו יעדעמ'ס טיר – אנ"ש הנגידים שליסן זיך אן מיטן נייעם געדאנק "זכות מפתח" צו געבן א באשטומטע פארצענט פון די הכנסות.

## נייע פאנדרעיזער פאר ישיבותינו הקדושות בקריתינו הק'

האברך החשוב מו"ה הערש אלימלך ראטעטנשטיין הי"ו – ווערט אויפגענומען אלץ גבאי צדקה וגזבר פאר ישיבותינו הקדושות ישיבה גדולה און ישיבה קטנה – וועלכע פארשיינען קריתינו הקדושה מיט די לעכטיגע פירות.

## בוללי עטרת-תפארת מרדכי בקריתינו הק':

### התחדשות ברוחניות

גינסטיגע התחדשות לטובה אין אסאך שטאפלען פארגעקומען דעם יאר אינערהאלב די תורה פעסטונג כוללי אברכים בקריתינו הק' - שטארק נתרבה געווארן די ספסלי הכולל אויפבליענדיג מיט א ריבוי התלמידים - אריבער 150 יונגעלייט זענען זיך מייגע באהלה של תורה - אין דער זעלבער צייט איז געהויבן געווארן די כח התורה במעלות רמות - מסיים געווען פולע מקצועות בד' חלקי שולחן ערוך - פארגעקומען ספעציעלע חזרות ובחינות אויף אלע לימודים.

געפענט געווארן א נייע חבורה ללימוד הלכות עירובין - מיט א סדר אדורכצולערנען די גאנצע מקצוע על בוריו מיט א מחזור פון בלויז 2 יאר - אויפגענומען געווארן הרה"ג ר' יואל פילאפף שליט"א נכד רביה"ק זי"ע אלס די ראש החבורה - איינגעפירט א פרישע מסגרת בחבורות הל' שבת - יעדע דאנערשטאג נעמען זיך צוזאם אלע חברי חבורת הל' שבת - צו א ספעציעלע שיעור בגדולת וקדושת השבת ע"י הראש הכוללים כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א - ספעציעל פאסיג פאר די וועלכע זענען טאקע א גאנצע וואך עוסק בלימוד וליבון הלכות שבת - אויך אויפגענומען געווארן א פרישע גבאי אינערהאלב די חבורות הל' שבת - האברך החשוב מוה"ר איתמר פעלערבוים הי"ו - צו שטיין על המשמר מיט פרישע כוחות מסדר צו זיין די סדרי הלימודים וחזרות.

### סעודת ר"ח מיוחד לאברכי ורבני הכוללים

רבינו שליט"א פראוועט א ספעציעלע סעודות ר"ח טבת אינאיינעם מיט די לומדי הכולל – כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א ראש הכוללים איז מבשר די בשורה טובה איבער די נייע הנהלה להרמת קרן התורה – בתוך דבריו לויבט ער די רבוש"ע אויף די פולע יארן צו שטיין בראש הנהגת הכולל סיי ברוחניות און סיי בגשמיות – וואונטש אן הצלחה און סייעתא

דשמיא פאר די נייע הנהלה – רבינו שליט"א משמיע דברות קודש והתחזקות ללומדי הכולל – לאזט איבער שטארקע רושם אויף די הוגי תורה – רבינו שליט"א איבערראשט די לומדים טיילענדיג סכום נכבד 'מעות חנוכה' פאר יעדע חבר הכולל.

## יומדהל"ק של עטרת צבי וסיומי מקצועות

י"א תמוז ביומדהל"ק פונעם שר בית הזוהר - פארגעקומען א אייגנארטיגע סעודת הילולא וסיום הל' ברכת המזון - אינערהאלב די חבורה לכולל צעירים אחצ"ה - נאך וואס די חשובע לומדי החבורה האבן אין די לעצטע תקופה דורכגעאקערט די מקצוע מיט א מורא'דיגע קלארקייט - בעת די הערליכע סעודה אויפגעטרעטן די ראש החבורה הרה"ג רבי יצחק יודא משה גוטמאן שליט"א - ארויסברענגענדיג בשבח לומדי תורה מיט דברי חיזוק אנצוגיין ווייטער ביתר שאת ועוז - און מיט א שיינע שיעור הקדמה צו די קומענדיגע מקצוע הל' זימון - לכבוד די התחלה פונעם נייעם מקצוע אויסגעשטעלט א פרישע סיסטעם און סדר צו לערנען און חזר'ן די לימודים - אויף א אופן מען זאל יעדן טאג לערנען א פרישע שיעור און חזר'ן די אלטע - עס צו געדענקן פאר לאנגע יארן.

## מעמד חיזוק חמשה עשר באב - מסגרת כי הם חיינו

אין די טעג ארום חמשה עשר באב פארגעקומען א גרויסע מעמד בהיכל הכולל - אויפגעטרעטן די ראש הכוללים כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א - משמיע געווען שטארקע דברי חיזוק און וויכטיגע נקודות וועלכע קענען צוהעלפן פאר די חשובע לומדים צו שפירן דעם מתוקים מדבש ונופת צופים - און אזוי ארום האבן די ריכטיגע חשק צו פארבלייבן ביני עמודי דגירסא פאר נאך לאנגע יארן און קונה זיין פולע לימודים ומקצועות.

אויפגעטרעטן הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א ראה"כ צעירים לפנצ"ה - איבער די ענין 'מן חמשה עשר באב מאן דמוסיף בתורה יוסיף חיים' - אריינגעבלאזן א פרישע גייסט און רוח התורה צווישן די חשוב'ע בני הכולל - באזונדער האט אויך אויפגעטרעטן הרה"ג רבי יצחק יודא משה גוטמאן שליט"א - מו"ץ וראה"כ - וועלכע שטייט אין שפיץ פון די פולע רוחניות'דיגע אקטיוויטעטן בין כותלי הכולל - פארגעשטעלט א נייע מסגרת מיט'ן נאמען 'כי הם חיינו' - מיט'ן ציל צו מחזק זיין די ענין פון שמירת הזמנים און אויסנוצן די צייט מיט א שלימות כראוי וכיאות - חברי הכולל זיך אנגעשלאסן אינעם מסגרת מיט חשק - געהויבן די התמדת התורה אויף א העכערע שטאפל – בימי ההילולא קדישא ז"ך אב פראקלימירט געווארן א ספעציעלע באנוס לכבוד ולעילוי נשמתו הטהורה פון רביה"ק זי"ע - פארטיילט געווארן א ספעציעלע תמיכה פאר די חשוב'ע חברי הכולל וועלכע זענען א חלק אין די מסגרת 'כי הם חיינו'.

*

## התחדשות בגשמיות

העולה על כולנה ווערט די יאר פארצייכנט מיט גאלדענע אותיות - ווען בהתייעצות ובברכת הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א איז נתחדש געווארן די נייע וועד ההנהלה - צו פארפיגן אויף דעם פינאנציעלע אפטיילונג בתוככי הכולל - דערמיט פארלייכטערט דעם עול הקשה וואס דער ראש הכוללים האט ביז היינט אליינס געטראגן - און יעצט וועט דער ראש הכוללים ווייטער קענען ווידמען זיינע כוחות און צייט בלויז אין דעם חלק הרוחני פון דעם כולל נאך בעסער און שטערקער ווי ביז היינט – בימי החנוכה איז אויפגענומען געווארן די נייע וועד בעלי בתים אלס חברי הנהלת הכולל – ביים ספעציעלן מסיבת לחיים בבית הראה"כ כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א - הלה המה: מוה"ר זיידא ישראל חיים קרויס הי"ו - מוה"ר יואל כהנא הי"ו - מוה"ר ישראל נפתלי מערמעלשטיין הי"ו - צוזאמען מיטן נייעם גזבר הכולל מוה"ר יוסף חיים יחיאל מארקאוויטש הי"ו - און מוה"ר יואל הלל בראך הי"ו אלס מנכ"ל הכולל - דער ראש הכוללים שליט"א האט געטרונקען לחיים און אנגעוואונטשן די נייע הנהלה סייעתא דשמיא און הצלחה - למען יעמדו ימים רבים על משמרתם בקודש.

## אסיפת שותפות עם הורי הכולל

אין די ערשטע שטאפלען פאר די גשמיות'דיגע עקזיסטענץ פון די כולל קומט פאר א אסיפות שותפות מיט די הורי לומדי הכולל – אלע עלטערן וועלכע האבן א קינד אדער איידעם אינעם כולל נעמען א גלייכע שותפות מיט די הוצאות – ביים אסיפה ערשיינען די ראשי החבורות שליט"א ונכדי רביה"ק זי"ע – יושב ראש דינט האברך ר' בערל קליין הי"ו – הרה"ג ר' יעקב פויגעל מרבני הכולל טרעט אויף מיט די מטרת האסיפה - די נחיצות פון צושטעלן פאר א אינגערמאן א פערזענליכע באגלייטונג - ערקלערט די וויכטיגקייט פון נעמען א שותפות ווי א 'שכר לימוד' פארן זוהן אדער איידעם אין כולל - כאטש נישט וויניגער ווי שכ"ל פאר א בחור אין ישיבה - מו"ה זיידא ישראל חיים קרויס הי"ו מחברי הנהלת הכולל טרעט אויף - א אינהאלטרייכע דרשה געהערט געווארן פון הרה"ג רבי יונה פישער שליט"א מו"ץ ומרבני הכולל - ארויסגעבנדיג בתוך דבריו רגשי לבבו מיט הכרת הטוב צו דעם הייליגן מקום תורה וואו ער זעלבסט לערנט שוין יארן לאנג מיט א געוואלדיגע הצלחה - געהערט דברי ברכה פון כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א ראש הכוללים.

## פעולות נשגבות למען לומדי הכולל

לקראת יו"ט פסח האט די הנהלת הכולל פראקלימירט א ספעציעלע הנחה אויף פארשידענע תשמישי קדושה - כדי צו פארגרינגערן פאר די חשוב'ע יונגעלייט אריינצוברענגען אין שטוב די יו"ט פסח מיט א גרינגע געמיט - צווישן אנדערע האבן די חברי הכולל געקענט איינקויפן טליתים גדולים וקטנים הערליכע געפלאכטענע עטרות - פאר דראסטיש ביליגע פרייזן וואס לאזט זיך קוים גלייבן.

רעדנדיג פון די התחדשות בגשמיות פעלט זיך אויס מפרסם צו זיין ברבים און ארויסברענגען לשבח - הני תרי צנתרא דדהבא מוה"ר ישראל צבי פריעדמאן הי"ו און מוה"ר אלעזר קליין הי"ו - וועלכע זענען אנטקעגן געקומען די געטרייע חברי הנהלה מיט פאנטאסטישע סכומים צו קענען אויפטון פעולות נשגבים להרמת קרן התורה - עס איז אונטערגענומען אויף זייער אינציאטיוו א גאר קאסטבארע פראיעקט צו גענצליך איבערפרישן די ריזן אוצר הספרים - פרישע טויזנטער ספרי קודש באשיינען שוין די ווענט פון די היכל הכולל – ועוד ידם נטוי' צו הערליך שיין איבערפרישן די היכל הכולל מיט וואס עס פעלט זיך אויס – בכוחם ובזכותם ווערן די אינגעלייט באצאלט צייטליך.

## מעמד התורה כוללת

א היסטארישע טאג האבן תושבי קריתינו מיטגעלעבט ר"ח סיון תשפ"ה - אין א ערשטמאליגן פארנעם איז פארגעקומען א גרויסארטיגע מעמד יום שכולו תורה - מיט'ן ציל צו געבן די געלעגנהייט פאר די תומכי הכולל צו שפירן די מתוקים מדבש וועלכע די כולל יונגעלייט שפירן יעדן טאג - און אזוי ארום טאקע זיין רעכטע שותפים פון ביידע זייטן ברוחניות ובגשמיות.

פארגעקומען אין דעם רייכן אפגעדינגענע ארמון האטעל אין שטאט לאוואל - הערליך רייך צוגעשטעלט אויף א מלכות'דיגן און עלעגאנטן פארנעם - רייכע טעימה ושתיה קלה איז געווען צוגעשטעלט פאר אלע באטייליגטע ווי עס פאסט - אזוי ארום צו קענען לערנען בהרחבת הדעת מיט זאטע הערצער.

הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א האט איינגעלייטעט דעם מעמד - אויפטרעטנדיג מיט פאסיגע דיבורים איבער די זמן ווי מ'שטייט מאכנדיג די ריכטיגע הכנה לחג מתן תורתינו - דער גאנצער היכל איז געווארן איינגעהילט אין א אש התורה פאר עטליכע שעות נאכאנאנד - אפדונערנדיג בקול חוצב להבות אש א פייערדיגע קול התורה פון די אלע הונדערטער פארזאמעלטע - צווישן די משתתפים בלימוד התורה האבן ארויסגעשטארצט אלע חשוב'ע דיינים ומרביצי תורה דקהילותינו הק' - נכדי רבינו הק' זי"ע ובני וחתני כ"ק רבינו שליט"א - ובראשם האט זיך אנגעזעהן די ראש הכוללים כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א - און הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א – אין א ערשטמאליגע שריט ערשיינט כ"ק מרן רבינו שליט"א צו לערנען ברבים לערנענדיג מיט'ן טעגליכע חברותא הרה"צ רבי ישכר בעריש סג"ל טירנויער שליט"א - מיט א ספעציעלע סדר איז איינגעטיילט געווארן צווישן אלע לומדים צו לערנען און מסיים זיין גאנץ סדר מועד בעת הלימוד - לעצטע שעה איז געווען געאייגנט צו לערנען די קביעות'דיגע שיעורי מזון הנפש.

נאך די שעות של קורת רוח בלימוד התורה - און תפילת מנחה - איז סערווירט געווארן א רייכע סעודת ראש חודש – ספעציעל פאר די פילאנטראפן תומכי הכולל און פאר די רבנן ותלמידיהון די חשוב'ע לומדי הכולל - על פני המזרח זענען געזעצן די חשוב'ע ראשי החבורות - ובראשם כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א והגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א - ועל צבאם כ"ק מרן רבינו שליט"א - יושב ראש האט געדינט מו"ה משה לעבאוויטש הי"ו מחשובי לומדי כוללינו - עס האט אויך אויפגעטרעטן די ראש הכוללים כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א - - מען האט געהאט די זכי' צו הערן דברות וברכת הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א - אזוי אויך האט גערעדט מו"ה זיידא ישראל חיים קרויס הי"ו מחברי הנהלה - אלס אורח הכבוד האט מען געהערט הרה"ג רבי מרדכי הערש שפיטצער שליט"א - ר"י תורת צבי ד'ספינקא - ביים קלימאקס האט ער אויפגערופן א רייע חשובע פילאנטראפן - וועלכע האבן זיך באותו מעמד אונטערגענומען בשטר וקנין ביי רבינו שליט"א מיט אסטראנאמישע סכומים להחזקת הכולל - במשך די מעמד האבן די 'זמרה' קאפעליע אנגעפירט מיט די נגינה לכבוד היום - אונטער די פירערשאפט פון מו"ה איתמר ארגעל הי"ו ראש מקהלת המנגנים בחצרות קדשינו - באגלייט פון מו"ה יוסף בנציון וועבערמאן הי"ו.

## "כולל ערב" מאיר החיים ד'טאהש:

א געוואלדיגע פרישקייט אינעם כולל ערב דקהלתינו הק' אין טאהש היי יאר - הנהלת הכולל האט אויפגענומען דעם ענערגישן עסקן און כלל טוער בנש"ק הרה"ג ר' אלתר וואגשאהל שליט"א נכד רביה"ק זי"ע - שטייט בראש פונעם עקזיסטענץ פון די כולל צו זיכער מאכן אז אלעס גייט כשורה - יונגעלייט ווערן ב"ה באצאלט צייטליך און באקומען די ריכטיגע שטופ ווייטער עוסק צו זיין בתורה אין די נאכט שטונדן – אלץ געטרייע ראש הכולל שטייט הגה"צ רבי מיכל

מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן - קרוב צו 60 יונגעלייט קומען זיך צוזאם יעדע נאכט הארעוועון ביני עמודי דגירסא אינעם היכל התורה בביהמ"ד אברכים - ספעציעלע חברותא דרייוו פארגעקומען צו מסדר זיין די יונגעלייט מיט גוטע חברותות און שיעורים.

## "בולל יום ראשון" לבעלי בתים תושבי קריתינו הק'

דעם ווינטער איז צוריק נתחדש געווארן די כולל יום ראשון שע"י התאחדות אברכים דקהילותינו הק' - ספעציעל געווידמעט פאר די חשוב'ע בעלי בתים תושבי הקרי' - צו זיך צונויפזאמלען אין די פרייע ארבעט'ס טאג - און אויסנוצן די טאג פאר לימוד התורה - יעדן זונטאג מיטאג צייט פאר טעליכע שעה איז די ביהמ"ד אנגעפילט מיט חברותות פון בעלי בתים נכבדים – מען איז עוסק על המחי' ועל הכלכלה א גאנצע וואך - און דעם זינטאג'דיגן טאג זענען זיי מקדיש פאר לימוד התורה בחבורה ברוב עם.

## ישיבה גדולה אור החיים ר'טאהש:

מוצלח'דיגע זמן פאריבער מיט גרויס סייעתא דשמיא – תלמידי הישיבה שטייגן במעלות רמות ע"ד המסורה לנו בדרכי התורה עבודה ויראת שמים – פארגרעסערט די חדרי השיעורים צו ענהאלטן די רויבי התלמידים – נייע חדר השיעורים צוגעבויט פאר תלמידי שיעור ג' - במשך די יאר לערנט מען מסכת בבא בתרא – לימוד הלכה לערנט מען הלכות בשר וחלב – הערליכע שיעור יעדע פרייטאג בהלכות שבת דורך די מגי"ש הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א – משפיע בישיבה הרה"ג ר' אלימלך סג"ל לאווען שליט"א איז משמיע דרשות ושיחות 3 מאל א וואך.

דערהויבענע חבורות און מעמדים דערהייבן די תלמידי הישיבה אויף א העכערע דרגא – קנין שלם איבערצו'חזרן' גאנץ מס בבא בתרא – חבורת חיינו איבערצו'חזר'ן אלע לימודים פון די לעצטערע וואכן און זיך פארהערן ביי די מגי"ש בע"פ ישר והפך – חבורת תורה שבכתב צו ענדיגן יעדע וואך גאנץ חומש רש"י – חבורת דיבור בשב"ק מחזק זיין די דיבור בשב"ק - ימי השובבי"ם אריבער מיט א התעלות – לסיום הימים איז פארגעקומען א סדר הלימוד משך די לעצטע ליל שישי – דערנאך געדאווענט א דערהויבענע תפלת שחרית מיט רבינו שליט"א – רבי האט אויפגעטרעטן נאכ'ן דאווענען און דערציילט עובדות וזכרונות פון די הייליגע צדיקים הקודמים.

כסדר'דיגע דרשות בהיכל הישיבה – באופן תמידי די הערליכע סעודות ליל שב"ק ווערט געפירט דורך די מגי"ש און בני וחתני רבינו שליט"א – מרן רבינו שליט"א פראוועט עטליכע סעודות ליל שב"ק מיט די בחורים – די סעודות שב"ק אינדערפרי מיט מרן רבינו שליט"א וועכנטליך - שיינע מלוה דמלכה'ס ווערן געפראוועט אין די ווינטער שבתים – בעפאר דעם קומט פאר א שטארקע סדר הלימוד פון נאך די מעמד סיפורי קודש וסדר ויתן לך - עס ווערן געהערט סיפורי צדיקים פון הערליכע משפיעים ומגידים – נאך פארשידענע בעלי דרשנים ומשפיעים אויפגעטרעטן משך די יאר פאר די תלמידים.

תלמידי הישיבה מיטגעלעבט די התרוממות'דיגע טעג ביים היסטארישן מסע הקודש כ"ח סיון צום עיר האבות טאהש אונגארן – עס טוט דינען אלץ גרעסערע פרס לתלמידים – שטארקע דרשות הכנה געהערט געווארן אין ישיבה כהכנה צום נסיעה – ספעציעלע קונטרס אויסגעטיילט געווארן צו לערנען די לימודי הישיבה זייענדיג מקיים די ובלכתך בדרך - נאך די פערזענליכע בקשה פון ריש מתיבתא קדישא כ"ק רבינו שליט"א בעת די שיחות קודש מוצ"ש ווענדענדיג ספעציעל צו די ישיבה גדולה תלמידים.

שחיטת העופות גיבט די געלעגנהייט פאר די תלמידים צו זעהן לעבעדיג די ענינים וואס מ'לערנט אין הלכות בשר וחלב – שוחטים ובודקים צוגעוויזן אלעס פאר די תלמידים – זכותי כיסוי דם זיך פארקויפט פאר קרוב צו 600 שעות לימוד התורה – פלייש זענען דערנאך געווען עולה על שלחן מלכים ביי די סעודה אינאיינעם מיט די בחורים – רבי פערזענליך פארטיילט פאר די בחורים מצויינים – דערמיט ארויסגעוויזן די שטארקע קורת רוח.

תלמידי שיעור ג' זענען מקיים לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא ביים מקיים זיין מצות מליחה – תשואות חן להרבני הנכבד אב"ד קלוזש אייגנטומער פונעם שחט הויז – בעפאר'ן גיין צום שחט הויז האבן די תלמידים אויך געהאט די זכי' צו דאווענען תפלת שחרית אינעם נאסטאלגישן ביהמ"ד הפרטי פון רביה"ק זי"ע – תלמידי שיעור ג' אויך מיטגעהאלטן די אייגנארטיגע נסיעה מיט כ"ק רבינו שליט"א כ"ג כסלו לעיר האבות טאהש אונגארן – א ספעציעלע קירבה האבן זיי געגאסן ביים ווערן געלאדענט צום סעודת הודאה ד' כסלו בביתו נאוה קודש אינאיינעם מיט די משפחת המלוכה.

לסיום הזמן זענען פארגעקומען גרויסע חזרות ובחינות - תלמידי שיעור ב' פארהערן זיך גאנץ מסכת בבא בתרא בעל פה – תלמידי שיעור א' פארהערן זיך אלע לימודים פונעם יאר אין מסכת בבא בתרא ישר והפך – אלע תלמידים שטעלן זיך על כור המבחן אויף גאנץ הלכות בשר וחלב - הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו שליט"א און ראב"ד סקווירא זענען מפליא די בחורים'ס בקיאות אין די לימודים - תלמידי שיעור ג' לערנען און פארהערן זיך גאנץ הלכות שהיה והטמנה און הלכות בישול – ביי סדר ערב איז מען זיך משלים די הוראה מיטן לערנען אויף הלכות מליחה און טריפות

קרן חתנים פארטיילט טויזנטער דאללארן פאר עלטערן פון די תלמידים בעת שמחתם – סוקסעספולע קאמפיין גיבט שטארקע חיזוק פאר די קרן ווייטער אנצוגיין מיט גרויסע סכומים – בחורים רופן ארום נאנטע און באקאנטע מזכה צו זיין מיט מצות הכנסת כלה – רבינו שליט"א ערשיינט בעת די קאמפיין און איז משמיע דברות קודש.

## ישיבה קטנה אור החיים ר'טאהש:

גאר מוצלח'דיגע יאר פארריבער אין ישיבה קטנה – תלמידי הישיבה פארהערן זיך "גאנץ מס' נדרים בעל פה" ביי כ"ק מרן רבינו שליט"א – הערליכע מעמד סיום הזמן ווי דער רבי פארטיילט די טייערע פרסים וכתבי הצטיינות פאר אלע בחורים - אזוי אויך איז פארגעקומען א הערליכע דרשה פון הרה"ג ר' חיים יודא ווייס שליט"א פון מאנטריאל - מלפנים מגי"ש בישיבה"ק – נאכפאלגענדיג מיט געהויבענע ריקודין - תלמידי הישיבה שלינגן מיט דארשט רייכע דרשה פון הרה"ג אלעזר יונה זילבערמאן שליט"א - ברייט ארומגערעדט ספעציעל פאר תלמידי שיעור ג' וועלכע גרייטן זיך אריינצוגיין בשעה טובה אין ישיבה גדולה.

לקראת די נייע יאר האט מען ב"ה אינסטאלירט נייע הייצונג און עיר קאנדישן סיסטעמען פארן גאנצן בנין הישיבה - קאסטבארע פראיעקט אונטערגענומען דורך די געטרייע הנהלת הישיבה - וואס וועט זיכער ארויסהעלפן צום הרחבת הדעת פאר אלע תלמידי הישיבה ווייטער צו שטייגן בעזהשי"ת.

## ישיבת בין הזמנים – קרית טאהש:

### געשמאקע סדר לבין הזמנים ווערט צוגעגרייט

נאך די גרויסע סוקסעס פון די פארגאנגענע יארן וועט ווי יאר יערליך די בין הזמנים אויך פארקומען די ישיבת בין הזמנים בהיכל ביהמ"ד אברכים - מיט איר ריינעם ציל צוצוהעלפן די בחורים זיך מסדר זיין אין די פרייע בין הזמנים טעג - נישט ח"ו צו גיין ליידיג.

הנהלת ישיבת בין הזמנים לייגט אריין גרויסע כוחות אהערצושטעלן א געשמאקע אטמעספערע בין כותלי הביהמ"ד - ומתן שכרה בצדה זייענדיג אויסגעשטעלט א ספעציעלע סדר פון גורלות ומתנות - וואס גיבט אריין א געשמאק פאר'ן בחור מיטצוהאלטן - ווי ברייט באוויסט די געוואלדיגע רצון און תשוקה וואס מרן רבינו הק' האט געהאט אז עס זאל פארקומען אזא מסגרת - און אזוי אויך טוט מרן רבינו שליט"א שטארק אויפפאדערן די תלמידי הישיבות זיך צוצושטעלן מיט די סדר - און אויסנוצן די דערהויבענע טעג מיט א ערנסקייט.

ערהאבן בילד צוצוזעהן די מחזה הוד ווי די בחורים קומען לערנען - און זענען זיך מסדר מיט חברותות און טוען איבער'חזר'ן די לימודים פון ישיבה - און אויך קונה זיין נאך זייטיגע מסכתות הש"ס און אויף א לייכטע געשמאקע רואיגע אופן.

## תלמוד תורה בית יודא בקריתינו הק':

### יערליכע דינער פארן ת"ת "כי לך היום" מיט פרישע חידושים

רייכע דינער מיטן נאמען "כי לך היום" איז פארגעקומען מוצאי שבת קודש ויגש - הונדערטער תושבי קריתינו הק' האבן זיך משתתף געווען בגוף ובממון לטובת התלמוד תורה בית יודא אין קריתינו הק' - מען האט געהאט די זכי' אז כ"ק מרן רבינו שליט"א האט באשיינט די מעמד און זיך געוואשן צום סעודת מלוה מלכה - שפעטער אויך משמיע

געווען דברות קודש און משפיע געווען ברכת קדשו פאר אלע משתתפים.

א הערליכע פראגראם איז אהערגעשטעלט געווארן במשך די נאכט - אנגעפירט דורכן יושב ראש פה מפיק מרגליות מו"ה שמעי' קליין הי"ו - עס האבן אויפגעטרעטן דעם געטרייען חבר הנהלה מוה"ר אליעזר דוד קרויס הי"ו - און הרב שמעון עזריאל יחיאל לאווי שליט"א מגי"ש בקריתינו הק' וועלכע האט געהאלטן צוגענאגלט די גאנצע ציבור מיט דברים ערבים ומתוקים - דערנאך האט אב"ד קלוזש שליט"א אויפגעטרעטן מיט קורצע ווערטער - ארויסברענגענדיג רגשי הכרת הטוב פאר די חברי הנהלה הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א - מוה"ר אליעזר דוד קרויס הי"ו - מוה"ר יחיאל מיכל פריעדמאן הי"ו - און זיי ארויפגערופן אפצונעמען מידי קדשו פונעם רבי'ן א הערליכע מתנה יקרא דאורייתא - כאות הכרות הטוב -

די ילדי תלמוד תורה כתה ז' האבן מהנה געווען דעם ציבור מיט א הערליכע פראזענטאציע -ארויסברענגענדיג ווי רבינו הקדוש זי"ע איז מגין אויף די הצלחה און ברכה פאר אלע תומכים - און צום קלימאקס איז פארגעקומען די גאר אינהאלטסרייכע פאנעל - מיט 6 דורות יוצאי מוסדותינו הק' - הלוא המה: הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו - מוה"ר יושע יצחק גרינוואלד הי"ו - הר"ר יעקב סג"ל קרויס שליט"א - מוה"ר שמואל יעקב פעלבערבוים הי"ו - מוה"ר אברהם מרדכי זילבער הי"ו - און מיטן יעצטיגן תלמיד הב' מרדכי לייפער ני"ו - וועלכע האבן איבערגעגעבן רייכע זכרונות פון זייערע יארן - בשעת די גאנצע ציבור איז געזיצן צוגענאגעלט און געשלינגען מיט דארשט -

## מפעל 'פועל ישועות' שע"י הנהלת הת"ת

ספעציעלע חידוש פון א פראגראם געלאזט געווארן אין גאנג בחודש אייר - ווי די קינדערלעך פון די חדר וועלן ארויפגיין יעדע ערב ראש חודש צום ציון הקדוש פון רבינו הקדוש זי"ע - צו זאגן תהלים און מזכיר זיין אלע תומכי המוסד - ווי מ'וועט ספעציעל אינזין האבן און צינדן ליכט באזונדער פאר אלע נדיבים מיט א מינימאלע השתתפות - מוצש"ק אמור זענען די חברי הנהלה ספעציעל אריין אל הקודש פנימה צו כ"ק מרן רבינו שליט"א און פארגעלייגט די נייע מפעל - ווי דער רבי האט ספעציעל אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר אלע תומכים - און מיט גרויס התרגשות זיך אויסגעדרוקט "אז מען טוט פאַרן צדיק'ס מוסד - וועט דער צדיק צוריק טוען" - במשך די לעצטערע חדשים האבן זיך שוין אנגעשלאסן הונדערטער נדיבים פון איבער די וועלט - און ספעציעל אנשי שלומינו תלמידים וחסידים וואס ווילן געניסן דעם גאנצן חודש און יאר פון די ברכת קודש פון רביה"ק "ווער ס'איז מהנה מוז ביי אונז געהאלפן ווערן" - וואס ביים בויען די ערשטע בנין לטובת התלמוד תורה האט דאס דער הייליגער רבי ספעציעל דערמאנט אז ס'גייט ארויף אויף די מוסדות הקדושים - און בזכות זה וועלן די חשוב'ע תומכים זיכער אויס'פועל'ן אלעס גוטס.

## די מתמידים "גירסא דינקותא" אין קרית טאהש ווערט צוריק באנייט

היי יאר זומער איז צוריק באנייט געווארן די "חברת מתמידים – גירסא דינקותא" - ווי ילדי קריתינו הק' כתה ז' און ח' קומען זיך צוזאם פון זייער אייגענע רצון יעדע נאכט אין תלמוד תורה - אונטער'ן ראש המתמידים הרב אברהם לייב ראזענבוים שליט"א - ווי די קינדערלעך חזר'ן איבער די לימודים וואס זיי האבן שוין געלערנט - און מען פארהערט זיך עס בעל פה.

די קול תורה דינערט אפ אינעם היכל הביהמ"ד - ספעציעלע שואל ומשיבים שליט"א זיצן גרייט אויפן פלאץ צו ענטפערן אויף סיי וועלכע שאלות - ספעציעלע 'בוחנים' פארהערן די לימודים - יעדע וואך ווערט ארויסגעלייגט א טאוועל פון אלע מצויינים - ברענגט ארויף זיסע זכרונות ביי די יונגעלייט תושבי קריתינו הק' - פון די יונגע יארן לערנענדיג אין די מתמידים אונטער הרה"ג ר' חיים לייב כהנא שליט"א - און מיט דאנק צום אייבערשטן פריידט מען זיך צו זעהן אז ב"ה חדש ימינו כקדם.

# בית חינוך לבנות 'בית צירל':

## בית צירל זאל הערליך איבער געמאכט

היי יאר איז ב"ה איבער געבויעט געווארן די "בית צירל" זאל דורך הנהלת קהלתינו הק' – צו א פרישע הויעך קלאסישע הערליכע שיינקייט - ברענגט אריין א פרישקייט אין די חתונות און שמחות וועלכע קומען פאר אין קריתינו הק' – צו די צופרידנהייט פון כלל אנשי שלומינו ותושבי קריתינו הקדושה.

## הערליכע שבת פאר הויעך-שול קלאסן

שבת קודש פר' תרומה - שבת שקלים איז פארגעקומען א דערהויבענע שבת 'יום חמדתו' פאר די הויעך שול תלמידות - וואס געווענליך קומט נישט אזוי אויס צו פראווענען אינאיינעם א שבת קודש צוזאם - א זעלטענעם דערהויבענע שבת - ווי מען האט עס גערופן "שבת אין 'בית צירל' צוזאם - מיט א העכערע טעם - צו אנצינדן די טאהש'ע פלאם"

- גאר א רייכע פראגראם מיט אויסגערופענע ספעציעלע גאסט רעדנערינס - דאס האט אויפגעהויבן די תלמידות און אריינגעברענגט מיט א נענטערע בליק צו די דערהויבענקייט פונעם שבת.

ערב שבת נאכמיטאג זיך צוזאמגעקומען אינעם בנין בית צירל - אונטערן אויפזיכט פון די חשובע מנהלת און געטרייע מחנכות - וועלכע האבן געפראוועט מיט זיי איניינעם דעם שבת מלא טעם - צוגעגרייט די תלמידות צום שבת - נאך ליכט צינדן און א אפקלינגעדע קבלת שבת און מעריב איז פארגעקומען די הערליכע סעודות שבת - מיט א טיפע התרגשות און דערהויבענע אטמאספערע - מען האט געהערט פארשידענע פאסיגע ווערטער פון געקליבענע תלמידות ובתוכם אייניקלעך פון כ"ק רבינו שליט"א - אזוי אויך אינטערעסאנטע אויסצוגן און געדאנקן - פון געקליבענע נשים חשובים תלמידות בית צירל - וועלכע האבן ארויסגעברענגט גאר שיינע נקודות און געדאנקן - בתוך הדברים האט מען געהערט איבער די חשיבות פון אונזער הייליגע שטעטל - די מעלות פון זיין אפגעזינדערט פון די גאנצע וועלט - איבער די יארן וואס מיר האבן זיך געהאדעוועט בצילא דמהימנותא קדישא פון רבינו הקדוש זי"ע - וויסן און אנערקענען אונזערע מעלות און חשיבות.

נאך די סעודה איז פארגעקומען שיעורים דורך די מחנכות וואס לייגן אריין א גאנץ יאר תורה און יראת שמים צניעות און מידות טובות אין די תלמידות - ארויסגעברענגט מיט התעוררות'דיגע און התרגשות'דיגע ווערטער די גרויסקייט פון שבת קודש - די נשמה יתירה וואס מען האט - אויסנוצנדיג די גלעגנהייט וואס מיר האבן אינעם שבת קודש ווען די הערצער ברענען און זענען אפען צו מקבל זיין - און פארשטיין וואס מען קען אלץ קונה זיין אין די צווישן די הייליגע ווענט פון 'בית צירל'.

אזויווי עס איז געווארן זייער שפעט ווען מען האט געענדיגט די סעודה - האבן די געטרייע מחנכות און געהילפן אהיימבאגלייט די תלמידות יעדער צו זייער הויז.

שבת צופרי פארגעקומען אן הערליכע תפילת שחרית און א פייערדיגע 'הלל' לכבוד ראש חודש - און דערנאך איז געווען א שיינע קידוש - ווי די גאסט רעדנער'ס האבן אויפגעטרעטן - און זייער שטארק ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון די מועדים וזמנים וואס מיר גרייט זיך אצינד - און וויאזוי אידישע טעכטער דארפן צוגיין צו די דערהויבענע ימי הפורים - דערנאך האט מען געדאווענט מוסף - און געפראוועט א לאנג פארצויגענע הערליכע סעודה - ווי עס האבן אויך אויפגעטרעטן מחנכות און תלמידות - וואס האבן ארויסגעברענגט די אחריות פון א טאהשע תלמידה - וואספארא מוסטער מיר זענען פאר די גאנצע וועלט און די געוואלדיגע זכותים דערפון - דערנאך איז פארגעקומען א פאנעל ווי די תלמידות האבן געקענט פרעגן פארשידענע שאלות וואס איז געענטפערט געווארן דורך די געטרייע מחנכות.

נאכמיטאג איז פארגעקומען א שיינע עונג שבת - מען האט אויפגעשפילט א הערליכע שפיל לכבוד חודש אדר - וואס מ'האט פארענדיגט מיט א סדר פון תהלים זאגן - און תפילת מנחה - דערנאך האט מען זיך געוואשן צום סעודת שלישית - וואס איז פארריבער לעילא ולעילא - עס האט זיך געשפירט ווי א שבת לעתיד לבוא - מיט געוואלדיגע כוחות און אורות - ווי קיינער האט נישט געוואלט פארפאסן קיין רגע - מען האט געפילט די העכערע כח וואס באגלייט אונז - און אנגעפילט די נשמה מיט חיות און חיזוק צו שטייגן ווייטער אינעם הייליגן מוסד תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק רבינו שליט"א עד ביאת הגואל.

# ביהמ"ד ההאחדות אברכים:

## אוצר הספרים הערליך איבערגעמאכט

היכל התורה באצירט געווארן מיט נייע ספרים - נדבת לבו הטוב פון הרבני הנגיד ר' ישראל הערש פריעדמאן הי"ו – לע"נ אביו הרה"ח ר' שלמה ב"ר דוד ע"ה - ברענגט אריין אויסטערלישע הרחבת הדעת און התמדת התורה.

## סוקסעספולע קאמפיין

געלונגענע "כי ביתי" יערליכע מעמבערשיפ קאמפיין ברענגט אריין שיינע סכומים להחזקת בית מדרשינו - ביים רייכן פרישטאג זונטאג פר' כי תבוא.

ערשטמאליגע ספעציעלע מסיבה פארגעקומען לנגידים בעם מיטוואך פר' נצבים - אין שטוב פון מוה"ר מרדכי ווידער הי"ו גבאי ביהמ"ד הגדול - ווי עס זענען זיך צוזאמגעקומען נגידים בעם - און זיך אנגערופן מיט גרעסערע סכומים להחזקת ביהמ"ד אברכים - רבינו שליט"א באשיינט די מעמד און משמיע ברכת הקודש.

## נייער משמש

געלונגענע יונגערמאן מוה"ר יונה יצחק וואלנער הי"ו ווערט אויפגענומען אלץ משמש - געטרייע משמש מו"ה יואל זוסמאן פישער הי"ו געקרוינט אלץ אדמיניסטראטער הביהמ"ד.

# חבורת מזון הנפש:

## גאר דערהויבענע מעמד סיום מס' בבא מציעא במסגרת ה' עמודים לשבוע

הונדערטער תושבי קריתינו הק' חברי חבורת 'מזון הנפש' אנטייל גענומען ביים מעמד מוצש"ק פר' לך מיט גרויס שמחה און התרוממות - פארעגקומענבהיכל בית המדרש אברכים אין קריתינו הקדושה.

יושב ראש מו"ה משה לעבאוויטש הי"ו ענטפאנגען דעם ציבור מיט פאסיגע ווערטער - הר"ר אשר לעמיל פעלבערבוים שליט"א שו"ב געמאכט די סיום אויף מס' בבא מציעא - און תיכף אנגעהויבן מס' בבא בתרא - דערנאך ממשיך געווען מיט דברי שבח והודי' וועלכע האלטן געפלעפט דעם ציבור - דאנקענדיג השי"ת אז ער איז זוכה צו זיין א חלק אין די הייליגע חבורה - און וואסערע גרויסע השפעה ער שפירט אויף זיך לערנענדיג אין די חבורה - און זיך באדאנקט פאר אלע עסקנים וגבאים וואס נעמען א חלק מיטן ארויסהעלפן די חבורה - עס זאל ווייטער קענען אנגיין - ובפרט פארן לאנג יעריגן פטרון החבורה אב"ד קלוזש שליט"א.

מען האט מקבל געווען רבינו שליט"א ראש החבורה הקדושה בשירה ובזמרה - רבינו שליט"א משמיע געווען דברות קודש וואס מען קען זיך ארויסלערנען למעשה פון מס' בבא מציעא - ווען מען טרעפט א אבידה דארף מען עס צוריקגעבן מיט צוויי סימנים מובהקים - די זעלבע איז מיט אונז טאמער א איד שפירט זיך פארבלאנדשעט קען מען זיך צוריקקערן צום אייבערשטן דורך די צוויי סימנים מובהקים - דורך די אות ברית קודש - מ'זאל זיך אויפפירן בקדושה ובטהרה - און דורך די הייליגע תפלין - שמע ישראל - און שבת דורכן אות שבת קודש - ווייל אפילו ח"ו א איד פאלט אמאל דורך - קען מען זיך אלץ צוריקקערן צום אייבערשטן.

הרה"ג ר' יצחק יודא משה גוטמאן שליט"א מו"ץ טרעט אויף איבער די וויכטיגקייט פון קביעת עתים לתורה - די שטארקייט פון לערנען אין א חבורה מיט א קביעות חק ולא יעבור - צו אין די חבורה פון 7 טעג א וואך - צו אין די חבורה פון 5 טעג א וואך - וועלכע סדר מען לערנט זעהט מען ב"ה ווי דער ציבור האלט עס אן מיט א שטארקע קביעות - און זיך באדאנקט בשם אלע לומדים פאר דער קלוזש'ער רב שליט"א פטרון החבורה.

דער נואם הכבוד מוה"ר שמעון גראס הי"ו טרעט אויף - זיך וואונדערנדיג פון אנהייב אויף די הויכע נאמען 'מזון הנפש' - און למעשה זעהט ער יעצט אז די נאמען טאקע ריכטיג פאר אזא הייליגע חבורה - און זייענדיג מאריך וואס מען קען זיך ארויסלערנען פון די נאמען - מיט וואס די תורה איז טאקע צוגעגליכן צו עסן אויף למעשה -

נאכן בענטשן זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ זקנים עם נערים בשמחת התורה - דער ציבור האט זיך צושפרייט אנגעזאפט מיט חיזוק און חשק צו גיין ווייטער מחיל אל חיל - און קונה זיין מסכתא נאך מסכתא - מיט א געוואלדיגע קביעות און חיות דקדושה.

# חברת תהלים:

## הערליכע מלוה מלכה - ומנחת הכרת הטוב

חברת תהלים פאר די טייערע צאן קדשים אין קרית טאהש גייט אן מידי שבת בשבתו - א הערליכע מלוה מלכה אלס ספעציעלע חיזוק ועידוד פאר די תינוקות של בית רבן פארגעקומען מוצש"ק יתרו - א רייכע סעודה מיט הערליך געדעקטע טישן אזוי ווי עס פאסט - יושב ראש מוה"ר זעליג ראטטענבערג הי"ו - הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א געהאלטן געשפאנט די קינדערלעך א לאנגע צייט - געזינגען גאר שיינע גראמען ספעציעל פארן מעמד.

די גרעסערע קינדער האבן אויפגעשפילט א מעשה איבער א איד וויאזוי זיין אמירת תהלים מיט תמימות יעדן טאג האט באשיצט אויף די גאנצע שטאט - דער בעל מספר נפלא הר"ר יעקב לעבראן שליט"א אויפגעטראטן מיט א שפאנענדע מעשה איבערן כח פון אמירת תהלים - ווי אויך איז אויסגעטיילט געווארן רייכע מתנות פאר אלע קינדער וועלכע האבן זיך משתתף געווען רוב וואכן - כ"ק מרן רבינו שליט"א ספעציעל אריבערגעקומען באשיינען די מעמד - אויפגעטרעטן מיט דברות קודש ארויסהויבנדיג די געוואלדיגע כח פון זאגן תהלים - ובפרט שבת קודש אינדערפרי - שטארק געפאדערט מען זאל דאס ווייטער אנהאלטן און בזכות דעם אויספועלן אלעס גוטס.

א ספעציעלע מתנה א הערליכע זילבערנע מגילה האלטער האט רבינו שליט"א איבערגעגעבן פאר די לאנגיעריגע מנהל חברת תהלים הרב אברהם לייב ראזענבוים שליט"א - כאות הכרת הטוב פארן אנפירן מיטן חברת תהלים בלב ובנפש.

## חברה הצלה - שומרים - חברים:

### ספעציעלע געטרייע הילף ביי די שווערע שנייען און רעגן

במשך דיווינטער וואכן ווען עס איז פארגעקומען ספעציעלע שווערע שנייען – אזוי אויך אין די זומער וואכן ווען עס איז פארגעקומען א שווערע רעגן שטורעם – האט זיך אנגעזעהן די געטרייע הילף פון די שומרים און חברים מעמבער'ס – וועלכע האבן נישט געשפארט קיין צייט און געלט און כוחות – און געשטאנען געטריי לימין תושבי קריתינו הק' בנאמנות יתירה.

### מאסיווע ריפלעקטאר דרייוו דורכגעפירט געווארן אין קריתינו הק'

געמיינזאמע ריפלעקטער דרייוו פארגעקומען זונטאג פר' עקב אויף די גאסן אין קריתינו הק' - צו פארטיילן און ארויף קלעבן ריפלעקטאר'ס - אויף בייקס / קערידשע'ס / סקוטער'ס א.ד.ג - - אונטערגענומען דורך הצלה / שומרים / חברים צוזאמען - נאך א עקסידענט פאסירט מוצש"ק מטות מסעי מיט נסים גלוים ב"ה.

צוליב די הייסע וועטער איז אויך פארטיילט געווארן קאלטע געשמאקע געטראנקן און מטעמים פאר אלע וואס זענען ערשינען ביים דרייוו - עקסטער זענען אויפגעהאנגען געווארן גרויסע שילדן אין שטעטל - אז די דרייווער'ס און פיס גייער צוגלייך - דארפן נעמען אין באטראכט: אז די גאסן אין קרית טאהש זענען מער נישט קיין קעמפ אדער קאנטרי ווי אמאל - נאר איז א שטאט פון אריבער 3000 פיס גייער טעגליך בליעה"ר.

# קהילותינו ומוסדותינו ברחבי תבל

## איגוד מוסדות טאהש ניו יארק:

### היסטארישער שבת המייסדים לנגידים בעם

**שבת קודש פר' בהר - בחקתי תשפ"ה ווערט אריינגעקריצט מיט גאלדענע אותיות בקורות ימי טאהש - אלץ "שבת המייסדים" פון נגידי ופטרוני מוסדות טאהש - ניו יארק הבירה:**

מודעות באהאנגן די ווענט יעדער עפענט אויף די אויגן - א רייכע עלעגאנטע שבת קומט צו גיין - בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א – פאר די נגידים פטרוני מוסדותינו הקדושים בניו יארק - מען גייט אוועקשטעלן די קרן היסוד – פאר די גאלדענע באזע פון מוסדות טאהש ניו יארק - עס ווערן ארומגעשיקט מטעמים און הזמנות פאר די נגידים וטפסרים – און רעגיסטראציע צום שבת ווערט געעפנט -

די טויערן פון פערסיפיני האטעל ווערט געעפנט – עסקנים נעמען אויף און מסדר יעדעם אין די שטובער - די צימערן זענען הערליך שיין צוגעגרייט אויפן מלכות'דיגן פארנעם מיט אלע פרטים צום שבת – במשכ'ן נאכמיטאג רייכע טועמי' אין מארק אויפן אלטן שטייגער - מהודר'דיגע פאכמאנישע מקוה אויפגעשטעלט אויפן פלאץ.

היכל הביהמ"ד באצירט מיטן הערליכן מזרח וואנט ווי אין ביהמ"ד הגדול – רבינו שליט"א נעמט אויף די נגידים לברך ולהתברך – די נגידים שרייבן אונטער אין די מגילת היסוד - מייסד צו זיין די "איגוד מוסדות טאהש ניו יארק" - און באקומען די נייע לעדערנע "זמירות עבודת משולם פייש" – באגלייט מיט ברכת הקודש.

התרגשות'דיגע מעמד "אבות על בנים" - זייענדיג מתפלל על בנינו ועל דורותינו – ווארימע חרוזים פון החזן מו"ה ישראל אדלער הי"ו - די שווערע נסיונות הזמן - וויפיל תפילות מיר דארפן פארגיסן פאר אונזערע הייליגע לעכטיגע דורות זאלן בלייבן ערליך און הייליג - רבינו הקדוש זי"ע קוקט אראפ און זעהט ווי זיינע תלמידים נאמנים געבן אוועק פון זיך - צו מייסד זיין און אוועקשטעלן זיינע הייליגע מוסדות אין ניו יארק -וועט ער זיכער אויסבעטן פאר אונז בנים ובני בנים

עוסקים בתורה ובמצות באמת.

רבינו שליט"א צינד די נרות שבת - די הייליגע תפילת השל"ה און שיר השירים – דערהויבענע תפילת מנחה - הרה"חר' אלכסנדר גאלדבערגער הי"ו עפנט דעם היסטארישן שבת - הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' קרית יואל שליט"א טרעט אויף - ארייגעברענגט די גאנצע ציבור אינעם העכער'ן אטמאספערע פון א שבת ביים רבי'ן - דערציילענדיג די עובדא אז דורכ'ן העלפן א צדיק מיט געלט ווערט מען נאנט צום צדיק מיט א העכערע קשר - און אנגעווארעמט די גאנצע ציבור צו די תפילות און טישן במשכ'ן גאנצן שבת.

פייערדיגע קבלת שבת און ספירה ציילן מיט גרויס התעוררות - די 'גוט שבת' ניגון - די זמירות שבת אנגעפירט דורך 'זמרה קאפעליע' - אין שפיץ פון מוה"ר איתמר ארגעל הי"ו - א רייכע מלכות'דיגע סעודה בשבת אחים גם יחד - מוה"ר מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו פארקויפט די זכותים פון בענטשן - א רייכע באטע וואו מען פארברענגט אינאיינעם בשירה ובזמרה ובזכרונות ימי קדם.

ספר תהלים ברוב עם – ווארימע שחרית - די עליות פארקויפט פאר פאנטאסטישע סכומים – רבינו שליט"א געבענטשט ראש חודש מיט גרויס התעוררות - און צוגעגאנגען צום עמוד צו תפילת מוסף – קידושא רבה אחר התפלה – און שיינע סעודתא דעתיא קדישא - רייכע עונג שבת נאכמיטאג - הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' וויליאמסבורג שליט"א פארגעלערנט פרקי אבות - ארויסברענגענדיג מיט א קלארקייט די וויכטיגקייט פון ארויסהעלפן רבינו שליט"א אויפצושטעלן די מוסדות אין ניו יארק לנו ולדורותינו - און אז מען הייבט ב"ה אן מיט ערליכע געלטער וועט אלעס גיין נאך די התחלה - און עס וועט אי"ה אויסשטייגן לבית אולפנא רבתי - אויפן הייליגן און ערליכן דרך בעז"ה - ער קען די עסקנים פארזענליך - און ער האלט אז די געוואלדיגע הצלחה וואס מען זעהט ב"ה קומט פון דעם - ווייל די עסקנים טוען עס מיטן גאנצן הארץ פארן אייבערשטן און פארן הייליגן צדיק רביה"ק זי"ע - אן קיין שום זייטיגע

אינטערעסן אדער חשבונות - מיט א געוואלדיגע אחדות און צוזאמענארבעט.

רבינו שליט"א האט משמיע געווען א לענגערע צייט פייערדיגע דברות קודש בגודל סגולת הזמן - ספירת יסוד שביסוד - וויאזוי צו מאכן די ריכטיגע הכנה לקבלת התורה - מ'דארף לערנען מיט א שטארקע קביעות - ארומרעדענדיג אז מ'דארף שטיין ווייט אפגעזונדערט פון די אלע היינטיגע נסיונות מיט די כלים הטמאים - די שטובער זאלן ווערן געפירט אויפן הייליגן חסידישן דרך וואס מ'האט אונז געלערנט.

ארויסגעברענגענדיג די קידוש השם פון אזא שבת - איבערלאזענדיג די משפחות מיטן בלויזן ציל ארויסצוהעלפן פאר רבינו הקדוש זי"ע - אז זיין שאיפה און זיין דרך זאל ווייטער אנגיין עד ביאת משיח צדקינו במהרה - דער צדיק קוקט אראפ אויף אונז און איז משפיע בכח הגדול השפעות לרוב.

נאך הבדלה החזן מוה"ר ישראל אדלער הי"ו הערליך שיין צוזאמגענומען וויאזוי עס איז פארריבער די גאנצע דערהויבענע שבת מתחילתו ועד סופו - די רייכע דרשות פרייטיג צונאכטס שבת צופרי און פרקי אבות - און די התעוררות'דיגע שלש סעודות תורה פון מרן רבינו שליט"א - און וויאזוי מיטצונעמען די השפעות פונעם שבת אויף ווייטער - באגלייט מיט א געלט מעשה פון רבינו הקדוש זי"ע – ואמר לי - בני בני בני - און רבינו שליט"א בעטן ברכנו.

רבינו שליט"א דערציילט די סיפור - די נגיד וועלכע האט מוסיף געווען א סכום צו האבן געגעבן מער ווי דער 'איש חסיד היה' - ווער עס וויל קען נאך מוסיף זיין פאר די הייליגע מוסדות – רבינו שליט"א ארויס פארנט פונעם האטעל - און זיך אומגעקוקט בקורת רוח אויף די דריי באסעס פון מוסדותינו הק' פון ב"פ-וומסב"ג-מאנסי - וועלכע אירע גרויסע טעגליכע זכותים לעד ולנצח זענען אויספארקויפט געווארן במשכ'ן שבת קודש דורך די נגידים החשובים.

## ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ר'טאהש - ניו יארק:

געעפנט אירע טויערן צום דריטן יאר ב"ה - מיט א גאר שטארקע הצלחה וכתר שם טוב - מיט העכער 80 בחורים בליעה"ר - אויפגענומען פרישע מרביצי תורה תלמידי חכמים מפורסמים יראתם קודמת לחכמתם - צו העכערן דעם ישיבה של מעלה ממדריגה אל מדריגה - ה"ה הרה"צ רבי יצחק אייזיק סג"ל שליט"א שיעור פשוט - הרה"ג ר' אלתר משה כהנא שליט"א שיעור עיון - הרה"ג ר' דוד שטערן שליט"א שולחן ערוך.

לכבוד דעם נייעם זמן החורף תשפ"ה העעל"ט איז בליץ שנעל צוגעבויעט און פארגרעסערט געווארן דער הערליכער בנין הישיבה - וואס אנטהאלט היינט צוטאג'ס דריי שטאקן - עס איז צוגעבויעט און פארגרעסערט געווארן די קאך, עס-זאל, נייע כיתה, חדר המגי"ש, און נאך איינריכטונגען - אז דער בנין מפואר זאל קענען אנטהאלטן די ריבוי התלמידים בליעה"ר.

דורכאויס דעם יאהר איז די ישיבה קטנה געשטיגן בעז"ה

פי כמה אין אלע הינזיכטן - די לעכטיגע פנים'ער פון די חשובע בחורי ענתה בהם כי זרע זרך השם המה - די בחורים הארעוועו אריין בתורה ועבודה ויראת שמים ומדות טובות - זיי האבן קונה געווען די פארגאנגענע יאר גאנץ מסכת שבת און פעסטע מקצועות בשולחן ערוך (ווי געשילדערט אין די באריכטן).

ריבוי התלמידים בליעה"ר זיך געמאלדן צום נייעם זמן - צוליב די ווייטע כתר שם טוב - הנהלה ספראוועט זיך וויאזוי צו פלאצירן די תלמידים מחמת הלחץ זה הדחק.

יסודות'דיגע שיעור מיוחד 'הכנה לישיבה גדולה' פארגעקומען דינסטאג פר' מטו"מ העעל"ט - פאר תלמידי שיעור ג' דישיבה קטנה וועלכע גרייטן זיך אריינצוגייין לערנען אין ישיבה גדולה בשעטומ"צ - דער שיעור איז אפגעהאלטן געווארן בטוב טעם ודעת בשפה ברורה ובנעימה - דורך די נייע אויפגענומענע מנהל אין ישיבה גדולה תורת משולם פייש - די חשובע בחורים תלמידי שיעור ג' זענען א לענגערע צייט געזיצן און געשלונגן מיט דארשט די טייערע ווערטפולע ווערטער פונעם בארימטן בעל מחנך דער חשובער מנהל שליט"א - די שיעור האט איבערגעלאזט א טיפע השפעה אויף די בחורי חמד אויסצונוצן ווייטער די פארבליבענע וואכן ביני עמודי דגירסא - און מאכן א הכנה רבה לקראת השנה החדשה הבעל"ט.

## ישיבה גדולה תורת משולם פייש ר'טאהש – ניו יארק:

אנ"ש נעמען אויף די בשורה טובה ומרנינה - א פרישע רינג אין די גאלדענע קייט פון די הייליגע מוסדות אין ניו יארק - מיט די גרינדונג פון די נייע ישיבה גדולה - בנוסף צו די ישיבה גדולה אור החיים בקריתינו הקדושה - רבינו שליט"א קורא שם "ישיבה גדולה תורת משולם פייש" לשמו ולזכרו פון רבינו הקדוש זי"ע - רעגיסטראציע ווערט געעפנט פאר שיעור א' דישיבה גדולה - הרב אב"ד קלוזש שליט"א קויפט אפ זכות קרן היסוד - לעשות רצון צדיק כ"ק מרן רבינו שליט"א - מנהל רוחני ווערט אויפגענומען פאר די ישיבה גדולה - הרה"ג ר' מענדל וואלף האלצער שליט"א - מגיד שיעור ומרביץ תורה מומחה רבות בשנים אין קרית יואל.

בוי ארבעט אויפצובויען בנין אדיר ונאה גייט אריין אין קראפט - מען רייסט אויס די ביימער אויפן אפגעזינדערטן שטילן שטח - מען צוהאקט די גרויסע שטיינער - און מען גרייט זיך צו גיסן די יסודות תיכף נאך יו"ט סוכות הבעל"ט - דערווייל ווערט צוגעגרייט אין בליץ שנעלקייט א שיינע צייטווייליגן מקום תורה - צו זיין גרייט בעזה"ה אויפצונעמען די נייע תלמידים אויפ'ן קומענדיגן ראש חודש חשון הבעל"ט מיט הרחבת הדעת.

## תלמוד תורה עבודת משולם פייש ר'טאהש - מאנסי:

תשפ"ה האט מען ב"ה געעפנט כתה א' - מיטן נייעם מלמד הרב חיים ראטעטענשטיין הי"ו – הערליכע גרויסע לאקאציע פאר די ת"ת אין צענטער לאקאל פון מאנסי - פלאנירונגען איבער די אויפבוי פון א נייעם בנין פארן ת"ת אויפן נייעם געקויפטן שטח געלאזט געווארן אין גאנג - צוויי באסעס קורסירן ארום די גאסן פון מאנסי טעגליך אפצונעמען און אהיימטראגן די לעכטיגע זרע ברך השם.

הערליכע חומש סעודה פארגעקומען ג' בהעלותך פאר כתה א' – ספעציעלע זכי' אז כ"ק מרן רבינו שליט"א באשיינט די מעמד - מיט די השתתפות פון אלע עלטערן און זיידע'ס וועלכע האבן געשעפט הויפענעס נחת - אויפן אויבן אן באשיינט כ"ק גאב"ד טאהש מאנסי שליט"א - ואב"ד קאסאן הילקרעסט שליט"א - וועלכע האבן א אייניקל אינעם תלמוד תורה.

געזינגען הערליכע גראמען אויפן הייליגן אהבה רבה ניגון - הגה"צ רבי חיים יחיאל אלתר סג"ל שליט"א בן כ"ק מרן רבינו שליט"א אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער - שטארק ארויסגעהויבן די געוואלדיגע ארבעט וואס דער געטרייע מלמד הר"ר חיים ראטענשטיין שליט"א לייגט אריין אין די קינדערלעך - און ווי עס שיינט ארויס אויף די לעכטיגע פירות ב"ה.

פארגעקומען האלאקע פון בן אב"ד תפלה לדוד פודהייץ שליט"א פון לעיקוואד - דערנאך זענען אלע קינדערלעך אריבער ביים רבי'ן און באקומען די סידור עבודת הלוי לתשב"ר מיט קיכן - מעמד לאזט איבער גאר א התרגשות'דיגע רושם אויף אלע באטייליגטע - זייענדיג די ערשטע חומש סעודה אינערהאלב מוסדותינו הק' אין ניו יארק.

חסידי אנ"ש תושבי מאנסי רופן זיך אן ווארעם צום "דורותינו" קאמפיין - פארגעקומען 2 עלעגענטע מסיבות ביי ווארעמע אנ"ש אינדערהיים – בבית מוה"ר ישראל יעקב לאנדאוי הי"ו – ובבית מוה"ר אלימלך זילבער הי"ו - יעדער איז זיך משתתף מיט לכה"פ $1800 די זכות פון א כיתה לשבוע

- און מיט דעם אוועקשטעלן די הצלחה פונעם תלמוד תורה פאר אונזערע דורות.

האברך החשוב מוה"ר אליעזר קרויס הי"ו ווערט אויפגענומען אלץ נייע גבאי צדקה פארן ת"ת - בנוסף צום מנהל כללי מוה"ר שלמה גרינבוים הי"ו - וועלכע געבן זיך אפ מיט א געוואלדיגע געטריישאפט – בכל עניני התלמוד תורה.

פאר די נייע יאר תשפ"ו ווערט אויפגענומען מלמד פאר כתה ב' הרב משה מרדכי שטיינבערגער הי"ו – הרב שמואל פישער הי"ו ווערט מלמד פאר קינדערגארטן – מען ציעט זיך אריבער אין א נייע גרעסערע לאקאציע פאר די נייע יאר תשפ"ו הבעל"ט.

## תלמוד תורה עבודת משולם פייש בארא פארק:

תשפ"ה האט זיך געגרינדעט די נייע תלמוד תורה עבודת משולם פייש אין שטאט בארא פארק – לשמחת לב כלל אנשי שלומינו בכלל ותושבי העיר בפרט – געטרייע מנהל הרב ישראל שמואל זילבער שליט"א אויפגענומען.

די יאר איז פארריבער מיט גרויס הצלחה - אזוי אויך האט מען היי יאר אפגעקויפט א נייע באס פארן תלמוד תורה.

לקראת די נייע שנת הלימודים תשפ"ו - וועט די תלמוד תורה האט זיך ב"ה פארברייטערט מיט נאך א כתה - האט מען זיך אריבער געצויגן צו א נייע גרעסערע לאקאל - ווי די טייערע קינדערלעך וועלן בעז"ה נתחנך ווערן מיט די געטרייע מלמדים שליט"א מיט הרחבת הדעת און פריילעכע געמיטער.

פארגאנגענעם דינסטאג כי תבוא העעל"ט פארגעקומען א באשיינפערליכע מעמד קביעת מזוזה וחנוכת הבית - בראשות הגה"צ דומ"ץ דקהלתינו הק' בארא פארק שליט"א - אינאיינעם מיט די חברי הנהלה - ווי דער דיין שליט"א האט געקלאפט די מזוזה - און דערנאך געמאכט א מסיבת לחיים.

## בית חינוך לבנות בית חוה - וויליאמסבורג

תשפ"ה איז אויך געגרינדעט געווארן די נייע "בית חינוך לבנות בית חוה" אין שטאט וויליאמסבורג - אדורך ב"ה א יאר מיט הצלחה אין אלע הינזיכטן.

## קהלתינו הק' מאנסי:

### נייע פראכטפולע צייטווייליגע ביהמ"ד באנייט

עס גלייבט זיך שווער אבער ב"ה ס'איז א פריידיגע מציאות – דאס יאר איז ב"ה געבויט געווארן א פרעכטיגע צייטווייליגע ביהמ"ד מיט אלע צוגעהערן - ווי עס פאסט זיך פאר א בית מקדש מעט - אויף א געשמאקע רחבות'דיגע פארנעם ברוחניות ובגשמיות – אויפן פלאץ פון די אלטע ביהמ"ד.

די הנהלת קרן הבנין לייגן אין די זעלבע צייט אריין ספעציעלע כוחות זיך צו רוקן שנעל פאראויס אויף די פלענער פונעם בנין החדש והמפואר – און מיט די יעצטיגע שיינע ביהמ"ד וועט מען בעז"ה אפרעכטן די תפילות במשך די צייט – ביז די בנין החדש וועט אויפגעבויעט ווערן.

## קהלתינו הק' קרית יואל:

### געוואלדיגע פארשריטן בהרחבת בנין בית מדרשינו ותפארתינו

געוואלדיגע פארשריט זעהט זיך אן אויפן בנין המפואר דבית מדרשינו – במשך דעם יאר האט מען זיך ב"ה גערוקט פאראויס מיט די גאנצע צורת הבנין – שוין ב"ה געסיעלט און גע'וואסער פראפט די נייע פארגרעסערטע היכל ביהמ"ד – פרעכטיגע פענסטער'ס שוין ארויפגעלייגט – אזוי אויך די נייע הערליכע טיר אויף דרום זייט פונעם ביהמ"ד.

3 סוקסעספולע מסיבות "גמר המשכן" פארגעקומען לטובת קרן הבנין – אנ"ש האבן זיך אנגעשלאסן מיט לכה"פ

$5000 – ערשטע מסיבה בבית מוה"ר יצחק שמואל פויגעל הי"ו משמש נאמן – צווייטע בבית מוה"ר שמחה מאירוביץ הי"ו – דריטע מסיבה בבית הרב הגאון הדומ"ץ שליט"א – ביי יעדע מסיבה געהערט געווארן פערל ווערטער פונעם דיין שליט"א – און פון מוה"ר מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו – און פארטיילט געווארן שיינע מזכרת'ן.

# קהלתינו הק' מאנטריאל:

## דעם רבי'נס בית המדרש – אונזער ווינקל

נאך וואס 3 יאר צוריק האט מען ב"ה אפגעקויפט די בנין הארט נעבן בית מדרשינו אין מאנטריאל – האט מען דאס יאר שוין אנגעהויבן צו צונעמען און מאליש'ן די דערנעבנדיגע בנין – מיטן פלאן עס צאמצושטעלן מיטן עקזיסטירנדן ביהמ"ד – קאמפיין 'דעם רבינ'ס בית המדרש – אונזער ווינקל' געלאזט אין גאנג צווישן אנ"ש תושבי מאנטריאל – צו שאפן די נויטיגע סכומים להרחבת בית מדרשינו.

בשעת'ן שרייבן די שורות קומט אריין באריכטן – מען האט ב"ה ערהאלטן די נויטיגע פערמיט'ס היינטיגן טאג שלש עשרה מידות תשפ"ו – און מען האפט זיך צו רוקן ווייטער מיט שנעלע טעמפאו בס"ד.

*

בקהלתינו הק' מאנטריאל איז דאס יאר שוין געווען די צווייטע יאר במסגרת "כולל ערב" - ווי צענדליגע אינגעלייט מאנ"ש הארעווען בתוה"ק נאכט נאך נאכט - מיט א שיינע שטיצע דורך די הנהלת הכולל.

גאר שיינע סעודת ראש חודש פארגעקומען לרגל פתיחת 'זמן החורף' - עס האבן משמיע געווען מיט פאסיגע דער ראש הכולל הרה"ג ר' מתתי' יואל קאהן שליט"א - און דער אורח הכבוד הרב הגאון דומ"ץ קהלתינו קרית יואל שליט"א - איבער די נחיצות פון זיך צוזאמענהאלטן אינאיינעם - די וויכטיגקייט פון דאווענען אין דעם הייליגן בית המדרש וואס דער רבי זי"ע אליינס האט מייסד געווען - און די התחייבות וואס קומט מיט דעם וואס מען איז א 'טאהשער חסיד'.

לרגל פתיחת 'זמן הקיץ' איז פארגעקומען א באזונדערע מעמד פתיחת הזמן - וביקור הוד פון כ"ק מרן רבינו שליט"א בהיכל כולל ערב – דער רבי זיך אומגעקוקט אויף די חשוב'ע לומדים – געפראוועט א לחיים און פארטיילט לקח און משמיע געווען דברות קודש – דערנאך געדאווענט א דערהויבענע תפילת מעריב.

# קהלתינו הק' לאנדאן:

## הרחבת גבולי בית מדרשינו

אין קהלתינו הק' לאנדאן האט מען דאס יאר ב"ה זוכה געווען צו באקומען די נויטיגע פערמיט - צו קענען פארגרעסערן בנין בית מדרשינו לאנדאן לארכה ולרחבה – וואס וועט ענהאלטן א גרויסע היכל ביהמ"ד - און א מקוה מפואר - מען האפט אנצוהייבן מיט די פאקטישע בוי ארבעט און די נאנטע צייט – לקראת די ימים נוראים תשפ"ו איז מען אריינגעשפרינגען אין א צייטווייליגע פראיעקט - און פארברייטערט די ביהמ"ד אויף מזרח זייט - אריין נעמענדיג די גאנצע קארידאר צום היכל ביהמ"ד - ב"ה געווארן גרייט צום באנוץ לקראת די ימים נוראים הבעל"ט.

# ספרי בית טאהש:

היי יאר איז ערשינען די גאר הערליכע רייכע ספר "עבודת משולם פייש – לשבת קודש" – וועלכע ענטהאלט א גאר רייכע ליקוט מכל ספרי רבינו הקדוש זי"ע איבער אלע עניני שבת קודש – הערליך שיין מסודר דבר דבר על אופניו – אזוי אויך אלע סיפורים וועלכע רבינו הק' זי"ע שילדערט איבער די שבתים בצל רבותינו הק' זי"ע – און נאך סיפורים לשבת קודש וניגוני שבת קודש.

אזוי אויך איז היי יאר איבערגעדרוקט געווארן די סידור עבודת הלוי סיי אין א קליינע פארמאט און סיי אין א גרויסע פארמאט – אזוי אויך איז ארויסגעקומען די תהלים עבודת משולם פייש אין א פראקטישע קליינע סייז – אזוי אויך איז איבערגעדרוקט געווארן די זמירות עבודת הלוי שבת ומועדי קדשיך אין א שיינע סעט פארמאט.

# איחוד השב"ר:

שבת קודש פרשת בא פארגעקומען א דערהויבענע שבת איחוד תשב"ר - מיט הונדערטער ילדי תשב"ר חברי חברת תהלים דבתי מדרשינו ברחבי תבל - בצילא דמהימנותא קדישא אין קריתינו הק'.

די באסעס זענען ארויסגעפארן פון אלע געגענטער דאנערשטאג נאכט - געהערט אויפן וועג אנווייזונגען און סיפורים פון די משגיחים - פרייטאג אינדערפרי איז מען אריבער אין ביהמ"ד פון תלמוד תורה - ווי די קינדערלעך האבן געדאווענט תפילת שחרית מיט די טאהש'ע ברען - אינאיינעם מיט די קינדער פון תלמוד תורה - דער מנהל הר"ר אהרן הערש שטעסל שליט"א אויפגעטרעטן פאר הודו - אויפגעפלאמט די קינדער'לעך וואס דאס מיינט א טאהש'ע דאווענען - און דינען דעם אייבערשטן מיט א קאך און א ברען.

נאכן דאווענען איז מען אריבער אין היכל הכולל - ווי עס איז געווען צוגעשטעלט א נאראהפטיגע פרישטאג פאר אלע קינדער - נאך פרישטאג איז מען ארויס צום ציון הקדוש פון רבינו הקדוש זי"ע לאמירת תהלים - הרה"ח ר' שלום יחיאל מיכל ארגעל שליט"א האט אויפגעטרעטן - און ארויסגעברענגט די גרויסע כח פון תהלים - און די גרויסע כח פון תינוקות של בית רבן.

ביים זמן הדלה"נ מקבל פנים געווען כ"ק מרן רבינו שליט"א - אלע קינדער זענען באזונדער אריבער ביים רבי'ן געבן שלום - און מיטגעהאלטן די ליכט צינדן פון רבינו שליט"א - געדאווענט אלע תפילות שבת אויף די דעזיגנירטע פלעצער - אונטערן אויפזיכט פון די משגיחים.

אזוי אויך האבן די קינדערלעך געגעסן צוזאמען די סעודות ליל שבת קודש בביתו נאוה קודש פון מרן רבינו שליט"א - במשכ'ן סעודה האט מען געזינגען אינאיינעם ניגוני שבת קודש - געהערט דברי תורה פון הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א - שיינע סיפורים פון הרב שמעון האלבערשטאם שליט"א מנהל חברת תהלים מאנטריאל - רייכע פערל ווערטער פון מוה"ר יואל גליק הי"ו מנהל חברת תהלים פון קרית יואל.

נאכן סעודה איז מען אריבער צום שלחן הטהור פון רבינו שליט"א בהיכל ביהמ"ד הגדול - מיטגעהאלטן די גאנצע טיש - ביי די עפל זענען אלע קינדער אריבער ביים רבי'ן - און באקומען א עפל מידי רבינו שליט"א.

חברת תהלים שבת אינדערפרי מיט א כח הרבים - אינאיינעם מיט אלע חברת תהלים קינדער פון קריתינו הק' - רבינו שליט"א אריבער געקומען צו די קינדער'לעך - און זיך אומגעקוקט מיט קענטיגע הנאה.

נאכן דאווענען זענען אלע קינדער אראפ אין היכל הכולל - מיטגעהאלטן די סעודה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א - נאך די סעודה האט מען פארברענגט אונטערן אויפזיכט פון די משגיחים - און זיך געקענט אראפלייגן – שפעטער געווען א שיינע עונג שבת - געזינגען ווארימע ניגונים לכבוד שבת קודש - הר"ר זיידא מאירוביץ שליט"א האט אויפגעטרעטן - ארויסברענגענדיג וואס מען קען מיטנעמען פון די שבת קודש אויף ווייטער באגלייט מיט רייכע סיפורים.

תפילת מנחה און סעודת רעוא דרעוין - די קינדער זענען געשטאנען אינאיינעם מיט אלע ילדי קריתינו הק' - און מיטגעהאלטן די זמירות שלש סעודות - דערנאך איז מען אראפ אין היכל הכולל - געהערט שיינע סיפורים פון מו"ה חיים זאב געלב הי"ו - דערנאך אויסגעראפעלט רייכע מתנות פאר אלע קינדערלעך וועלכע זענען געווען ביי תהלים שבת צופרי - שפעטער האט מען זיך געוואשן צום סעודת מלוה מלכה אין היכל הכולל - ווי מען האט געהערט שיינע סיפורים לכבוד מלוה מלכה.

די קלימאקס פונעם שבת איז געווען ווען מוצאי שבת קודש נאך מלוה מלכה זענען זיך אלע קינדער צוזאמגעקומען אין היכל ביהמ"ד הגדול - צוזאמען מיט די ילדי חברת תהלים פון קריתינו הק' - ווי מען האט מקבל פנים געווען דעם רבי'ן מיטן ניגון אור זרוע לצדיק.

מען האט געזינגען די גאר ווארימע תהלים'ל ניגון - און עס האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' ישׂשכר דוב מאירוביץ שליט"א - ארויסברענגענדיג די גרויסע כח פון תהלים שבת צופרי - און ווי מען קען מיט דעם אויס'פועל'ן אלעס גוטס - פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל - דערנאך האט מען געזינגען די ווארימע ניגון ויהיו זרעי וזרע זרעי תלמידי חכמים וכו'.

דערנאך האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א - ווי דער רבי האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע נחת רוח און קידוש השם - וואס דער אייבערשטער האט פון דעם וואס די קינדערלעך שטייען אויף צו תהלים שבת אינדערפרי - אפי' ס'איז שווער - זייענדיג מחזק די קינדער ווייטער אנהצוהאלטן און שטייגן ווייטער מעלה מעלה.

דערנאך זענען אלע קינדער אריבער ביים רבי'ן און באקומען א הערליכע מתנה די ספר תהלים "עבודת משולם פייש" - מיט א געבענטשטע מטבעת קודש לברכה והצלחה - אזוי אויך איז פארטיילט געווארן טייערע מתנות - די ספר דער הייליגער פלאם - און דער וועג צו בטחון - פאר די קינדער וועלכע האבן זיך ספעציעל אויסגעצייכנט מיט די אויפפירונגען - דערנאך זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים.

# מערבת האיחוד

"איחוד תלמידי וחסידי טאהש" דער כח האיחוד המתאחדת תלמידים וחסידים, דער צענטראלן פלאטפארמע צוזאמצוהאלטן אנ"ש מרחבי תבל, איז במשך די פארלאפענעם יאר תשפ"ה ארויפגעגאנגען שטאפלען אין מערערע הינזיכטן, האבענדיג אונטער זיך אן א שיעור לייסטונגען וואס די געטרייע עסקני האיחוד האבן גענומען אויף זיך ארויסצוהעלפן אנשי שלומינו פון אומעטום, מיט אלץ און אלעמען.

ארויסצוברענגען ווי ווייט עס דערגרייכט די פעולות פון איחוד, איז היי יאר צום ערשטן מאל אנגעקומען די בודשעט פון איחוד צום אומגלויבליכן ציפער פון אריבער 200 טויזענט דאללער, וואס דאס רעכנט אריין אלע פעולות פון איחוד.

די פעולות פונעם איחוד זענען צעטיילט אין עטליכע קאטעגאריע'ס, וואס יעדע פאר זיך פונקציאנירט מיט א מורא'דיגע פעסטקייט שוין עטליכע יאר כולן שוין לטובה, אבער במשך דעם פארלאפענעם יאר איז געטוהן געווארן נאך מורא'דיגע שריטן לטובת ולהנאת אנ"ש, ווי מיר וועלן איבערגעבן אין די קומענדיגע שורות.

## בלב אחר:

### סוקסעספולע מגבית השנתי בימי החנוכה

ב"ה אנשי שלומינו זענען א גלייכע טייל מיט די סוקסעס פון איחוד – נעמען אנטייל א גאנצע יאר מיט ווארימקייט און שטוצע – ובפרט ביים יערליכע בלב אחד מעמבערשיפ קאמפיין תשפ"ה במשך די ימי החנוכה – וועלכע האט אריינגעברענגט שיינע סכומים און געקרוינט געווארן מיט גרויס הצלחה – צאל פון איחוד מעמבער'ס פילפאכיג געשטיגן – דיסקאונט ליסטע פארגרעסערט אין שטאט וומסב"ג און בארא פארק - ספעציעלע "התאחדות אפטיילונג" אויף קול איחוד "ספעציעל פאר מעמבער'ס" ווערט געעפנט - חסידים שמועסן און פארברענגען אויף א געשמאקע אחדות'דיגע פארנעם.

## להתאחד בחורי אנ"ש:

חבורת עבודת עבודה צייכענט אפ די פערצענטע יאר פון איר גרינדינג בשנת תשע"א - אין אלע שטעט איבער גרעיטער ניו יארק נעמען זיך בחורי אנ"ש צוזאמען וועכנטליך ליל ששי אדער מוצש"ק – צו לערנען איניינעם די הייליגע ירושה ספרי רבינו הקדוש והטהור זי"ע – וועלכע באלייכטן אונז די וועג אין עבודת השם יתברך – מיט געטרייע ראשי החבורות שליט"א תלמידי רביה"ק זי"ע – מיט הערליכע כינוסים ומלו"מ קומען פאר פון צייט צו צייט פאר די חשובע בחורים.

היי יאר תשפ"ה האט זיך די חבורה אויך געעפנט אין קהלתינו הק' מאנטריאל – מיטן געטרייען ראש החבורה הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א – אזוי אויך איז אויפגענומען געווארן א נייע ראש החבורה אין שטאט מאנסי – ה"ה הרה"ג ר' יעקב יואל רובין שליט"א – וואס איניינעם מיט אלע אנדערע ראשי החבורות געבן זיי זיך אפ מיט א געוואלדיגע געטריישאפט – להנחיל ירושת צדיק פאר די נייע דור – און די טייערע בחורים טרינקען מיט דארשט די פערל ווערטער פון די ראשי החבורות – און לערנען און חזר'ן די הייליגע ספרים עבודת עבודה - וועלכע בלאזט אריין אין די בחורים חיות און חיזוק זיך צו האלטן ווייטער אין די היינטיגע וועלט מיט נסיונות.

ספעציעל איז היי יאר אריין אין קראפט די נייע "בר מצוה פעקל" וועלכע להתאחד פארטיילט פאר יעדע בר מצוה בחור – הערליכע קונטרס "נועם העבודה" ספעציעל ארויסגעגעבן פאר דעם צוועק – ענהאלט אין זיך הערליכע מאמרים ספעציעל פאר א בר מצוה בחור – מנהגים ודברות קודש ועוד – ווערט פארטיילט פאר אלע בחורים צוזאמען מיט א הערליכע סידור עבודת הלוי – היי יאר נאך פארטיילט אין ניו יארק מיטן פלאן אויך צו פארברייטערן אין קריתינו הק'.

במשך די וואכן פאר די יומדהל"ק ז"ך אב תשפ"ה - איז פארגעקומען א ספעציעלע סדר הכנה - צען דערהויבענע וואכן כהכנה צום צענטן יארצייט – בחורי אנ"ש צייכענען ספעציעלע לוח העבודה - אויף 4 עבודות זיך צו גרייטן צום יומדהל"ק – נישט רעדן פארן דאוונען – לכה"פ 10 מינוט עבודת עבודה יעדן טאג – צוויי סעיפים פון צעטל קטן – אמירת כל ספר תהלים שבת בבוקר.

מיטוואך ראה פארנאכטס ליל ההילולא קדישא - פארגעקומען א גאר רייכע פראגראם און סעודת הילולא קדישא פאר כלל בחורי אנ"ש - ווי די חשוב'ע בחורי חמד האבן זיך געוואשן צו א רייכע סעודה - הרה"ג רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א ר"מ ומשפיע בישיבה גדולה אור החיים אויפגעטרעטן מיט שטארקע דברי חיזוק במשנתו פונעם בעל ההילולא - די געוואלדיגע עת רצון ומסוגל פון די גרויסע טאג אין וואס מען טרעט יעצט אריין - וויאזוי מיר קענען אנהאלטן די קשר מיטן צדיק - דורכ'ן גיין אין די וועגן וואס ער האט אונז אויסגעלערנט - בתורה ועבודה ויראת שמים - און דורכ'ן לערנען זיינע הייליגע ספרים.

דערנאך האט אויפגעטרעטן מיט רייכע סיפורים הרה"ח ר' יואל אלחנן פאפלאנאש שליט"א משב"ק - וועלכע האט אויפגעוויקלט שיינע זכרונות ועובדות פון די לעכטיגע זמנים בהלו נרו על ראשינו.

רבינו שליט"א באשיינט די מעמד – משמיע געווען דברות קודש מיט גרויס התרגשות - ארויסהויבנדיג די עבודת הכנה וואס די בחורים האבן געמאכט צו די הייליגע טאג - און ס'איז זיכער אז רבינו הקדוש זי"ע וועט אראפגיסן פאר זיי אלעס גוטס אין די גרויסע זכות - דערנאך זענען די בחורים אריבער ביים רבי'ן - דער רבי האט פארטיילט די נייע ספר "עבודת משולם פייש" לשבת קודש - אלץ מתן שכרן בצדן פאר אלע בחורים וועלכע האבן זיך ריכטיג צוגעגרייט מיט די אלע 4 עבודות.

## טעלעפאון ביכל - פרנסה ביחד:

מפעל 'פרנסה ביחד' געגרינדעט - מיטן ציל ארויסצוהעלפן אנשי שלומינו אין פעלד פון פרנסה – אלץ ערשטע שריט ארויסגעקומען מיטן ליסטע פון אלע פרנסות און סערוויסעס פון כלל אנשי שלומינו מרחבי תבל – צו קענען נוצן און שטיצן אנשי שלומינו בבחינת זה נהנה וזה נהנה.

ארויסגעקומען צוזאמען מיטן זעקסטער רשימת אנ"ש טעלעפאון ביכל - פארטיילט געווארן פאר אלע מעמבער'ס ביים קאמפיין חנוכה תשפ"ה - און שפעטער ז"ך אב ביים יארצייט פאר די פילע טויזנטער משתטחים על ציון הקדוש ביים להתקשר בודקע.

שרייבנדיג די שורות – איז די צווייטע "קרית טאהש טעל ביכל" אריין צום דרוק - מיט ספעציעלע חידושים – ווי א משפחה ליסטע – ליסטע לויט די גאסן – ליסטע לויט די טעלעפאון נומערן – און פיל מער – וועט בעז"ה פארטיילט ווערן ביי אלע הייזער אין קרית טאהש תיכף נאך יו"ט סוכות.

## קול איחוד טאהש:

פרישקייטן אין עטליכע אפטיילונגען אויפן טעלעפאון ליין – ווי "עזר לתושבים" סערוויסעס פאר תושבי קריתינו הקדושה – זמנים / וועטער / עקססשעינדש רעיט / בית הוראה / און פיל מער – אזוי אויך די אפטיילונג פון פילע נוצבארע סערוויסעס אויפן וועג קיין טאהש, ווי אנווייזונגען אויפן וועג / האטעל'ן / גרעניץ טרעפיק אפדעיט'ס / און פיל מער – מפעל "ואטהר" אפטיילונג לחזק קדושת מחנינו – אזוי אויך נייע שיעורים אין עטליכע מקצועות התורה - טעגליכע אריינרופער'ס צו קול איחוד געשטיגן מער ווי אלע יארן – חברה ש"ס אפטיילונג צו קענען לאזן א מעסידזש ווען מען ענדיגט לערנען די דפים הקבועים – קלארע לייוו הוק אפ'ס און אפדעיט'ס פון אלע מעמדים ומאורעות בחצרות קדשינו – מערערע ליינ'ס ווערן צוגעלייגט ביי גרעסערע מעמדים - בפרט ביי די "מסע הקודש" ווי עס זענען צוגעלייגט געווארן מערערע ליינ'ס צוליב די איבערפלוס פון אריינרופער'ס.

נומער 9 אפטיילונג געווארן מער אין באנוץ – ווי מען קען זיך פארבינדן מיט אלע אנגעלעגנהייטן פון קהלתינו ומוסדותינו הק' מרחבי תבל – "פריש אויפן קול איחוד" מודעה ערשיינט חודש'ליך מיט אלע נייע דרשות און מעמדים אויפן מערכת.

## ההונה פעקל:

אין די לעצטע יאר איז ב"ה ארויפגעארבעט געווארן די לעצטיגע נייע סערוויס – פון די הערליכע חתונה פעקל וואס איחוד פארטיילט פאר אלע פרישע אינגעלייט מאנ"ש – ווען מען האט דאס היי יאר אויך אנגעהויבן צו טיילן אין שטאט וויליאמסבורג און מאנסי – אין צוגאב צו בארא פארק און קרית יואל – ווי בלויז אין די לעצטע תקופה איז ב"ה פארטיילט געווארן די חתונה פעקל פאר קרוב צו 150 אינגעלייט – ברענגט אריין א געשמאקע געפיל און ווארעמע

'ברוכים הבאים' פאר די פרישע אינגעלייט אין זייער נייע היים אדער שטאט.

## טאהש מצוה:

'טאהש מצות' ווערט פארטיילט פאר א ספעציעלע ביליגע פרייז פאר אלע איחוד מעמבער'ס - און דעליווערט געווארן צו יעדעם אינדערהיים – צוריק געהערט גאר גוטע גריסן איבער די ספעציעלע גוטע סערוויס און גוטע טעם פון די מצות.

## טיפה מן הים:

דאס אלעס איז חוץ די אנדערע אקטיווע פראיעקטן פון איחוד - וועלכע גייען אן מיט א שטארקייט - ווי די הערליכע "גליון באור החיים" - וועלכע אנ"ש דערקוויקן זיך דערמיט וועכנטליך - מדי שבת בשבתו ומועד במועדו, די הערליכע מאנ"ש לאנ"ש קאלום - ווי אנ"ש שמועסן זיך אויס כאיש אחד בלב אחד - אזוי אויך די הערליכע "מתאחדת בלעטל" פון די שמחות פון אלע אנשי שלומינו מרחבי תבל – די חברה ש"ס סיסטעם וועלכע איחוד האט אנגעפירט און דורכגעלערנט געווארן צום צווייטן מאל לקראת די יומדהל"ק תשפ"ה – הערליכע מעמדים ומאורעות 'יו עס בי' וועלכע איז ארויסגעקומען צום דריטן יאר ב"ה – ענטהאלט אין זיך אלע מעמדים בחצרות קדשינו במשך תשפ"ד הערליך שיין מסודר – הערליכע נייע ספר איז אין די טעג ארויס פון דרוק – ארויסגעגעבן דורך מפעל האיחוד – און וועט בעז"ה פארטיילט ווערן פאר אלע איחוד מעמבער'ס - ביים יערליכן בלב אחד קאמפיין קומענדיגע חנוכה תשפ"ו.

לקראת חג הסוכות האט איחוד ארייגעלייגט גאר אסאך כוחות בדמים תרתי משמע אהערצושטעלן א הערליכע איבערבליק אויפן יאר תשפ"ה העעל"ט – וואס איז ב"ה געלונגען הערליך שיין און איר האלט דאס אצינד אין אייער האנט – און אז איר האט עס שוין געליינט ביז דא צייגט אז ס'האט זיך געליינט געשמאק און ס'איז ב"ה געלונגען מיט סוקסעס – און מיר האפן אז איר האט הנאה געהאט צוזאמען מיט כלל אנ"ש.

# עפילאג

בעזהשי"ת אדון כל האבן מיר אריינגעטרעטן אין א נייעם יאר פיל מיט לויב און דאנק צו השי"ת אויף ביז אהער, און פיל מיט אמונה און בטחון אז אל יעזבנו ואל יטשנו לנצח, מ'זאל קענען אין די קומענדיגע יאר און אלע יארן ווייטער, פארזעצן מיט די הייליגע ארבעט לרווחת הציבור, און לטובת אנ"ש פון אומעטום.

ווי איר האט געווויס מיטגעהאלטן פון צווישן די שפאלטענס פון די לעצטערע בלעטער, ווערט - מיט אומאויפהערליכע הילף פון אויבן, באגלייט מיט די לויטערע זכות פון רביה"ק זי"ע - כסדר אריינגעלייגט איבערמידליכע כוחות און פאקטישע פארשריטן אין יעדן געביט, צו פארזיכערן דער ליכטיגער צוקונפט פון דאס בליה און וואוקס פון קהלתינו הק' ברחבי תבל ברוחניות ובגשמיות.

אין שפיץ פון די פרעכטיגע אונטערנעמונג שטייען די עומדים על הפקודים, די איבערגעבענע ראשי הקהלה והמוסדות מיט די הילף פון הרבנים הגאונים הצדיקים בני וחתני רבינו שליט"א ורבני בית הוראה, און חשובי פני העדה תלמידיו וחסידי רביה"ק זי"ע, וועלכע זענען נאמנים בשליחותן פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א.

ווי עס פארשטייט זיך פון זיך אליינס, שפארט מען נישט קיין צייט, געלט, מי און פלאג, אויפצוהאלטן און מחזק זיין די פילע אקטיוועטן אינערהאלב קהלתינו הק' ברחבי תבל, ווי מ'טוט דאס בעסטע וואס מעגליך אלעס פארן איין איינציגע ציל, צו וועבן ווייטער די הייליגע קייט למען עתיד וקיום בנינו

ודורותינו.

און ווי מען זעהט ב"ה אז אין די לעצטע יארן האט מען זוכה געווען צו מייסד זיין די מוסדות הק' אין ניו יארק, און אנשי שלומינו קענען ווייטער אויפציען אונזערע לעכטיגע קינדער'לעך אויפן הייליגן דרך, תחת נשיאותו הרמה פון מרן רבינו שליט"א, און צו קענען ווייטער ציען די גאלדענע קייט, דאס אלעס בלאזט אריין הויפענעס פון מוט און חיזוק צווישן די הערצער פון די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש, ווייטער אנצוגיין מיט די פולע אקטיוועטן לטובת ולהנאת הציבור.

מיר פירן אויס אונזערע ווערטער, עינינו צפיות למרום, מיט א געבעט בכוחו ובזכותו של מייסד הקהלה והמוסדות מרן רביה"ק זי"ע, אז מיר זאלן זוכה זיין צו עפרילן רצון קדשו מרבה צו זיין נאך און נאך הרחבת גבולי הקדושה, און נאך פולע יארן זוכה זיין להתחמם לאורו הבהיר של מרן רבינו שליט"א, עדי יוליכנו בקרוב לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

**א גוט יום טוב.**



# א גוט יום טוב!

## פאר אלע איחוד מעמבער'ס און פאר
## כלל אנשי שלומינו

### ווי עס וואונטשט:

**איחוד**
תלמידי וחסידי
**טאהש**